STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08598

TSVISHN SHMEYKHL UN TRER

Peretz Miransky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ADLER PRINTING REG'D
4180 De Courtrai, suite 218,
Montreal, Que.
Tel: 735-6577, 735-6578

פּרץ מיראַנסקי

צווישן שמייכל און טרער

מ ש ל י ם

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע
תשל״ט — 1979

Peretz Miransky
1 Meadowbrook Rd. Apt. 3
Toronto, Canada M6B 2S3

זוכצעטל

	זייט
אַן אַנטענע	9
גאווה	11
ריידן זאָגן	13
אַ פען	15
חניפה	16
בלאָזזאַק און קוילן	17
ציין און צונג	18
אַ וועוריקס קשיה	19
ברילן	20
נאטע	21
לאָמפ און שפיגל	22
אַ ווינט	24
תפילות	25
אַ ברונעם	26
אַ ווינטמיל	27
האַמער און גלעקל	28
צדקה	29
פערלגרויפן	30
די פעסל	31
עמער און פעסל	32
פויק און פלייט	33
באַרימעריי	35
אַ ליכטל	38
מאָל און מייז	39
אַ טיש	40
וואָג און מאָס	42
אַ פלאַטערל	44
פסולת	45
אַ שתדלן	46
גלאָקן	47
גלאַנץ	49
דימענט און בריליאַנט	50
פען און בלייער	51
אַ גאָלדן פען	52
די פעדער	53
דאָס גלעקל און זייגער	54
באַנקעטן	55
רב שמעיה	56
קריטיקערס	57
וויסן	58
גלעקלעך	59
אַ פענדזועלע	60
חצות	62
ווערטער	64
מעסער צווייג	65
אַ מעסער	66
עכברושל	68
דאָס בייטל	70
אַ הייגאָפל	72
בשמים	74
חזנות	75
הינט און קעץ	77
שאָצערס	78
אַ קאַטערל	80
בענקשאָפט	81
אַ מוראַשקע	82
פון אַ חזיר אַ האָר	83
רב האָז	85
האָניק מאַכערס	86
שאָף	88
אַ חזיר	89
בין און וואָרעם	91
אַ משל מיט אַ פראָשל	92
פשטות	94
כריין	95
שתדלנות	96
רכילות	98
כבוד	100
ניט פאַרגינערס	102
אַ פיאַלקע	104
אומדאַנקבאַרקייט	106
כריין	108
קרויט	110
זיס און זויער	111
פירות	113
דער אייביקער קרייז	115
אַ בלימעלע	116
קינאה	117
ביימער	118
אַ ביימעלע	119
עפל	120
אַ קאַקטוסל	121
וואָרצלען	123
קליין און גרויס	124
באַרימערס	125
פאַרבן	127
גאַנדז און וואָראַביי	128
שוואַלב און אינדיק	130
רעקלאַמעס	133
פייגל	135
אַ הענדל	137
עופות	139
אַן אָדלער	142
פאַווע און אינדיק	143
רעדנערס	145
דער נביא פון שקר	146
קראָ און וועוריק	148
גורל	149
די שטריק	150
דער רויטער האָן	151
אַ ווולקאַן	152
האָק און האַמער	153
אַ צדיק אין פעלץ	154
אָקס און שוואַלב	156
פערד	157
ביימער	159
בוריק און קעז	161
סאַמאָוואַר און טשייניק	162
שוועבעלעך	163
הינט	164
אַ חבר	165
שוואַרץ און ווייס	166
פליערס	168
רויך און פאַרע	169
אַ סוכה'לע	171
קאָלירן	172
שרעק	173
אַ פידל	173
רב פלאָקן	175
האָקט אַ טשייניק	176
נאָטקע	177

TZWISHN
SHMEICHL UN TRER

(BETWEEN SMILE AND TEARS)

FABLES
BY
PERETZ MIRANSKY
TORONTO, ONT.

שער בלאט געצייכנט פון
אברהם קלאק, דעטראיט

Ilusrations By DITA

Copyright 1979
by Peretz Miransky
Toronto, Ont., Canada.

מאָטאָ

צווישן שמייכל און טרער שטייט
מיין וואָרט
אַ געשלייפטער אין האַרץ און
אין שכל
און ער זעט ווי דאָס שמייכל ווערט
פייכטער פון טרער
און די טרער שפיגלט אָפּעט דעם
שמייכל...

אַן אַנטענע

כ׳טונק אין טינטער אײַן מײַן פּענע
און איך טו מיט דעם אַ שטעכל.

*

אויסגעוואַקסן אַן אַנטענע
איז אויף עמעצנס אַ דעכל.

אָפּגעניקלט הויך און נײַ ווי
אַ לבנה־שטראַל אין טײַכן, —
איז אַ וווּנדער, אַ בעל גאווה,
מיינט, אַז קיינער איז ניט זײַן גלײַכן?

אונטן שטייט אַ ביימל קאַרשן,
קרעלן רויטע איינס אין איינע, —
איז אַ וווּנדער, אַז דערפאַר שוין
איז דעם ביימל זי אַ שונא?

אַ פאַרוואָרצלטע אין בוידעם,
אַ פאַרבונדענע צום הויז־עק,
מאַכט זי, די אַנטענע, קודם
פון דעם קאַרשנביימל חוזק:

„קוקט נאָר אָן די כּל הנערים,
אין די שטויבן, אין די בלאָטעס!
פּיס האַלט מען אין דר׳ערד, ביים וואָרעם,
און די הענט שטרעקט מען צו גאָט אויס.

צו דערגרייכן דאַרף מען שכל.
האָט מען עס — דערקריכט מען העכער,
צו דעם בלויען דיל פון היכל,
אויף קאָלירטן בויג פון דעכער,

און ניט ליגן אין אַדמה,
ווי דאָס ביימעלע פון קאַרשן..."
וויגט דער ווינט די צווײַגלעך לאָמע
און זיי ענטפערן: „רב דרשן!"

וואָס איז גאַווה? נאָר אַ שוימל
אויף אַ כוואַליע איבער תהומען.
ווינטן האַלטן דיך ביים צוימל
אויף אַ דעכל, אויף אַ לאָמען.

אָן אַ שטאַם און אָן אַ תוכן,
אָן אַ וואָרצל, אָן אַ שורש...
וואָס זשע טויגן מיר די הויכן,
ווען זיי ברענגען ניט קיין פירות?

וואָס זשע טויג עס זײַן געשליפן
און נאָר זיך אַליין רק לויבן?!"

*

ווער עס קאָן זיך ניט פאַרטיפן,
יענער קאָן זיך ניט דערהויבן.

גאווה

שטערן פאַלן אויך אויף זאַמדן
אין מדבריות הוילע.
איז אין האַרץ אַריינגעפאַלן
ביים פּוטליאַר, אַ כלי,

אַ ברוין פידעלע, אַ צאַצקע,
פול מיט טענער ריינסטע,
וויל עס, טאַנצסטו אַ קאָזאַצקע,
וויל עס אַנדערש, וויינסטו...

היינט די טרעלן וואָס זי לידלט
און די זיסע אַריעס...
כ׳זאָג אייך: ס׳איז ניט גלאַט אַ פידל,
נאָר אַ סטראַדיוואַריוס!

דער פּוטליאַר איז שטאָלץ, אַוודאי
מיט זיין שכן זיסן,
גוט באַקאַנטע, מענטשן ליאַדע,
וויל ער שוין ניט גריסן.

וואָס איז אַז ער שטאַמט פון לעדער,
ער פאַרמאָגט אַ פידל...
איז ניט סתם אַזוי, אַ יעדער
קאָן זיין זיין ידיד׳ל.

זיינען יאָרן אָפּגעלאָפן
גוטע יאָר אָן צער׳ן
ביז אַן אומגליק האָט געטראָפן
פּלוצים דער פּוטליאַרן:

עמיצער, אַ ניט-פאַרגינער,
האָט ביי אים, אַנוסטן,
אויסגעכאַפּט זיין גאָב, די פידל,
אים געלאָזט אַ פּוסטן

און נאָך ווייניק, מיט שיקאַנעס,
האָט די דינסט, די מויד, אים
אָפּגעשיקט צו טשעמאָדאַנעס
אַלטע, אויפן בוידעם.

זאָגט אַליין, קאָן אים דאָ פּאַסטן
שטיין אין קרייז, אין דיזן?
צווישן טעקעס, פּראָסטע קאַסטנס,
רענצלעך און וואַליזעס...

אים, דעם פידל־פריינד, דעם גראָען,
מיט אַזאַ מין באַנדע;
איז עס ניט אַ בייז שגעון,
אַ סקאַנדאַל, אַ שאַנדע!

אַלע שמייכלען און אינאיינעם
זאָגן זיי פּוטליאַרן:
בינסט שוין פריינד אין מושב זקנים
איז שוין צייט זאָלסט האַרן.

גאווה איז אַזאַ מין קרענק
וואָס שטעקט נאָר אָן אַ שוטה,
וואָס מער גרויס ער ווערט ביי זיך
מער קליין ווערט ער ביי צווייטע.

ריידן און זאָגן

ריידן פיל און גאָרניט זאָגן
איז אַ מכה וואָס טוט פּלאָגן
אונדזער כלל, אין אונדזער
תקופה,
ס'איז ניטאָ צו דעם קיין תרופה.

חברה עמך, שער און אייזן,
אין דער שטעטעלע אמדור,
האָבן אויך געוואָלט באַווייזן
אַז זיי האָבן ליב קולטור.

האָבן זיי, בשעת אַ "סכאָדקע",
זיך צונויפגערעדט בסוד:
אַ בעל דרשן־קאַלעקאָטקע
ברענגען פון דער גרויסער
שטאָט.

קאַלעקאָטקעס קאָנען ריידן
און מען זאָגט נאָך: זייער
שיין,
וועט דער לעקטאָר זיי
באַשיידן
וואָס זיי קאָנען ניט
פאַרשטיין...

יאָ, דער רעדנער איז געקומען,
אַזאַ ליבער, גרויסער גאַסט.
ס'האָט אַמדור אים אויפגענומען
מיט פאַרערונג, ווי סע פּאַסט...

צוגעפירט אים צו דער בינע
האָט אַ שערעלע מיט פרייד
און די נאָדעלעך, די דינע,
האַלטן אויערלעך שוין גרייט.

אַלע ערטער אויסגעזעצטע
און מען שטייט נאָך ביי די

ווענט.
נאָר דער ריידער, דער
געשעצטער,
רעדט און דרשנט אָן אַן ענד.

אָפּגעדברט שיין און גלאַנציק,
אָפּגעשמירגלט, אָפּגעטאָקט,
אָפּגערעדט אַ שעה אַ גאַנצע
און האָט גאָרנישט ניט געזאָגט.

ריידן שיין און גאָרניט זאָגן
איז אַ מכּה וואָס טוט פּלאָגן
אונדזער כּלל אין אונדזער
תּקופה,
אפשר ווייסט ווער פון אַ תּרופה?

אַ פּען

אַ יעדער קען די גאָלדן פּען
וואָס שרייבט מיט טינט, מיט בלויאיקן.
אַ יעדער חקרן קאָן דערזען
איר חלום, דעם ניט דאָאיקן.

אין בלוי איז איינגעהילט איר וועלט,
אין הימלען, אַ פאַרביטענע.
איר גוטסקייט האַרציקע באַהעלט
די שוואַכע, די געליטענע.

אַ גאַנצן טאָג באַגלייט איר זיפץ
איר וואָרט, דעם דין געשריבענעם
און ס׳ווירעט זיך איר שיינגעשריפט
אויף אַ פּאַפּיר געקליבענעם.

און אין פאַרנאַכט, ווען ס׳שטאַרבט געהיים
אַ גרויסע זון, אַ מעשענע,
גייט אויך די פען אַוועק אַ היים;
צו אַ גביר אין קעשענע...

חניפה

אַ פֿאָרהויז.
זיצט און ס׳דרעמלט אַ משרת
מיט אַ פּנים, אַ פֿאַריאָכטן.

ס׳ליגן חפצים אַלערליי:
אַ רונדער טרעטערל פֿון שטרוי
געפֿלאָכטן,
אַ קופּערט מיט אַ בויך
און אויך אַ חפץ אַן אַנטיקל,
אַ געפֿלעכט
פֿון חזיר־האָר וואָס שטעכט
און פֿראָסטן האַלץ אַ שטיקל,
אַ בערשטל.

הערסטו?
רעדט דאָס בערשטל
צו דעם קופּערטל אין שכנות:

דאַכט זיך אַז מיין גופל קליין איז,
אָן באַדייט,
נאָר אויסגעבונדן איז עס
מיט די גרעסטע לייט,
מיט סאַמעט און מיט זייד.

ניטאָ איז נאָך אַזאַ ווער
וואָס זאָל ווי איך, אָן אויפהער
זיין אַ חבר
מיט אַטלאַס און מיט סויבל.

אוודאי,
ענטפערט אים דער קופּערט
שאָקלענדיק דעם קאָפּ;
לאָזט דען פאַלן ווען אויף זיי אַ שטויבל?
גלעטסט זיי מיט די האָר אַראָפּ,
קאַמסט זיי

ראַמסט זיי
מאַכסט זיי ריין און פוצסט...

און ווערסט אַלץ שמוציקער אַליין
פון יענעמס שמוץ.

בלאָזזאַק און קוילן

בלאָזט דער בלאָזזאַק: פו און פו,
וועקט אַ פײַערל אויף ווו.
נעמען שוואַרצע קוילן גליען.
צינדט אַ קויל זיך אָ גרויל!
און די פונקען שפריצן, פליען.

בלאָזט דער בלאָזזאַק און ער שרײַט:
זעט נאָר, די געמיינע לײַט,
די שוואַרצקוויליקע, די טריפה.
זייער שנאה, זייער האַס
אָנצינדן וועט באַלד די גאַס
און די וועלטן אין אַ שרפה.

ברענען קוילן רויט און בלוי
און זיי ענטפערן אַזוי:
קוקט נאָר אָן דעם צדיק ווילן,
ווי ער מאַכט זיך פאַר אַ תּם!

ער אַליין צעבלאָזט דעם פלאַם,
און ער ליאַרעמט אויף די קוילן!

ציין און צונג

ניט תמיד איז דער שווײַגער דער גערעכטער
און דער, וואָס שרײַט — דער בייזער און דער שלעכטער.

ויהי...
אַ בלויען אינדערפרי,
ווען ס׳איז דער טאָג נאָך יונג,
און זון — אַ פלאַקערדיקער סטויג איז,
וואָס שטראַלט און שײַנט, —
איז צווישן ציין און צונג,
צוויי אַלטע פרײַנד,
געוואָרן אַ געפערלעכער ברוגז.

מען דאַרף אַ סך צו ווערן בייז?
פון פרײַנד ביז פײַנט
איז נאָר אַ פאַרקנדל די ריש.
שטייט זי אין מיטן איז מען איי־איי־אַיי,
אַ ניט — איז קריגערײַ.

די צונג אַ פשוטע פאַרשווינטע
צו שווײַגן און פאַר שווײַגן ניט קיין צוגעוווינטע
געקריגט זיך — איז אַ שטורעם.
אַרויסגעלייגט אַל׳ץ אין אָפענע דיבורים,
און אָן הינטער־מיינדעלעך.

די ציינדעלעך,
די שווײַגערלעך געלאַסענע, —
דרײַ מאָל אַ טאָג געבערשטלט און געוואַשענע,
מיט זילבער און מיט גאָלד פאַרפּראָשעטע —
זיי פּאַסט גאָרניט אַ קריגערײַ, אַ פשוטע.

געוויס!
צו וואָס דאָס פּראָסטע לשון, אָן אַ זינען?
אויב קריגן זיך, איז טאָן אַ ביס,
אַז בלוט זאָל רינען!

דעריבער היט זיך פאַר פאַרשווינדעלעך

מיט פנימלעך — נאָר חנדעלעך און קריינדעלעך,
און אין די הערצעלעך
פֿאַרשטעלט מיט גאָלדן בלעכעלעך —
פֿאַרפּוילטע לעבעלעך.

אַ ווערוריקס קשיה

אַ ווערוריקל, א גרינגער,
א האָפּסערל, אַ שפּרינגער,
ט׳געהאַט אַ שכנה אויפֿן בוים, אַ פֿרייד!
אַ פֿייגעלע דערנעבן
וואָס פֿלעגט אין די הימלען שוועבן
און בין השמשות זינגען שטילערהייט.

פֿלעגט אויף די צווייגן גרינע
דאָס ווערוריקל מיט קינאה,
זיך צוהערן צום פֿויגלס ליד.
און פֿון טשיקאַוועס וועגן
איר אָנגעהויבן פֿרעגן:
פֿאַרוואָס ס׳איז אַזוי אומעטיק איר ליד?

זי האָט דאָך פֿליגלען גרינגע,
זי קאָן אַזוי שיין זינגען,
אַ נעסט געבעט מיט פֿעדערן און היי.
פֿאַרוואָס קאָן מען דערהערן
אין איר געזאַנג די טרערן,
זאָל זי אים זאָגן: וואָס עס טוט איר וויי?

און ס׳האָט אַן ענטפֿער שנעלן,
דאָס פֿייגעלע, אין טרעלן,
דעם ווערוריקל געגעבן: אַז באַשערט
איז איר אַ מאָדנער לעבן,
אין הימלען אומצושוועבן
און נאָך אַ וואָרעם קריכן אויף דער ערד...

ברילן

אַ טאַטע האָט
געבראַכט פון שטאָט —
טרעפט נאָר וואָס ס׳קאָן נאָר איינפאַלן אַ טאַטן!...
צוויי פאָר זונברילן פאַרביידע יאַטן.
אַ פרייד אַ גדולה!
די בנים לויפן אום, ווי דולע,
מיט די ברילן אויפן נאָז.
רק נאָכאַנאַנד מען ווישט דאָס גלאָז,
מען רייניקט יעדעס שפּעלטעל
און דורך די ברילן קוקט מען אויף גאָטס וועלטל.

ווי בלאָ, שרייט חיימ׳ל,
ער האָט גראָד ברילן בלאָע.
ער שפּרינגט אַזש אונטער פאַר הנאה,
די גראָז, די ערד די גאַנצע איז אַ הימל...

און יאָסל
מאַכט אַלץ פסול
צום פּאַרדראָס,
ער קוקט אויף אַלץ דורך גרינעם גלאָז
און זאָגט;
די וואָלקנדלעך אַרום דער זון
זיינען ווי גרינע בלעטעלעך אַרום אַ בלימל.

גרין בלוי בלוי גרין!
עס האָבן זיך גענומען שפּאַרן ביידע זין.
ס׳האַלט יעדער זיך באַ זיינס כאָטש נעם צערייס אים
און פון געשריי
אַריבער זיינען זיי
צו מעשים!...
און באַ די האָר זיך רייסנדיק,
זיך צופנדיק די נעזער,
האָט איינס דאָס אַנדערע אַראָפּגעשלעפּט
די אויגנגלעזער

און...
שטיין געבליבן מיט די ברילן אין די הענט.

אַ גאָלדענע אַ העלע זון
האָט זיי פאַרבלענדט!...

נאָטע

שוואַרץ איז קוימענקערער נאָטע,
שוואַרצער נאָך פון זיין קאַפּאָטע;
גייט ער נאָטע און ער רעדט
צו דעם שניי, וואָס ער צעטרעט:

זיי מיר מוחל שניי, מײַן טרעטן
אויף דיין ליילעך אויסגעבעטן!
נאָר ווי שיין, ס׳איז אויפן שניי,
מיינע שוואַרצע טריט, די ריי...

פונקט ווי שורות פון אַ ליד
זײַנען מײַנע שוואַרצע טריט
אויפן ווייסן שניי דעם בלאַנקן,
דאַרפסט מיך שניי פאַר זיי באַדאַנקען...

שווייגט דער שניי, וואָס זאָל ער זאָגן,
אינעם בלוי פון ערב טאָגן
צו אַ קוימענקערער שוואַרצן,
ווען די שטערן נעמען צאַנקען?

אי ער טרעט אים אויפן האַרצן,
אי ער וויל מען זאָל אים דאַנקען.

לאָמפּ און שפּיגל

הענגט אַ שפּיגל אויפן וואַנט,
שפּיגלט זיך אין אים דער בראַנד
פון זונשיין דורכן פענצטער.

לאַכט דער שפּיגל נאָכאַנאַנד
אָפּ פון לעמפּל אויפן טיש:
פאַרזעננישׁ!
פריינד מיין נענטסטער...

דיין פּרצוף איז פון רויך פאַרראָסט,
אויף מיינע שונאים סאַראַ פּנימ׳ל דו האָסט...
עס טריקנט דיך אין האַלדז מסתם
פון קויל און אַש,
פון היץ און פלאַם.
האָסט נעכטן אויסגעטרונקען
נאַפט אַ פלאַש,
געוואָלט מיט פייערפונקען
ליכטיק מאַכן אויך דעם בוידעם...
האָסטו געברענט, געברענט
און אויף די ווענט
צעטאַנצט זיך האָבן שאָטנס ווי די שדים.
וואָס שווייגסטו שרעטעלע באַבייכטער!
דו גלויבסט נאָך אַלץ בינסט אַ באַלייכטער?

רעדט דאָס לעמפּל און זיין מויל
פינצטערט מיטן כעס פון קויל:
וואָס זשעריידן צו אַ גלאָז

וועמען זילבער האָט דערהויבן.
וואָס פאַרמאָגט ניט אייגנס, אָט אָ דאָס...

אַלץ נעמט ער ביי יענעם, גלאַנץ און שיין
און ער טענה׳ט עס איז זיין...

עולם גולם טוט עס גלויבן
הענגט ער אויף אים ווי אַ ציר
און מען רימט אים אָן אַ שיעור
און מען מיינט ער איז אַ קענער...

נאָר דעם לעמפּעלע, דעם ברענער,
וועלכער ווערט פון רויכן שוואַרץ,
וואָס דער פייער אין זיין האַרץ
צינדט ביינאַכט אָן אַלע שויבן.

ביז דער מזרח ווערט פאַררויטלט
און די זונראָד גייט אַרויס,
דרייט מען אויס דעם פייער־קנייטל
און מען בלאָזט דאָס פייער אויס.
ניט צו גלויבן!...

אַ ווינט

אַ באָרוועסער ווינט האָפּסלט אום אינעם סאָד,
אַ יונגער, אַ פרישער, אַ לייכטער,
פון טוי האָט ער ערשט זיך גענומען אַ באָד,
אַלץ קושט ער מיט ליפּן, מיט פייכטע.

די ביימער צעבליטע פאַרבייגן די קעפּ,
ווי מיידלעך מיט הערצער צעפּאָכטע.
עס פלאַטערן זייערע צווייגן ווי צעפּ
פון ווינטיקע פינגערס צעפלאָכטן.

עס ציטערן, פליטערן בלעטלעך אַ ראָד
מיט בליטן צערייטלט אין טראַנסן.
אַ גאָלדענע זון קוקט אַריין אינעם סאָד
געזען שוין אַזוינע ראָמאַנסן...

היי ווינט, דאָן זשואַן, לאָז די ביימער צורו!
ס'איז תמיד די זעלביקע מעשה;
אַ פריער דערציילט ער זיי סודות: שו, שו.
דערנאָך רייסט ער בליטן אָפּ ווייסע...

די נאַרישע ביימער, זיי גלויבן דעם ווינט,
זיי טרויען דעם קושער און גלעטער.
דער הימל איז בלוי און די ערד איז צעגרינט,
טאָ ווער דאַרף עס טראַכטן פון שפּעטער?

תפילות

אויפגעשטאַנען איז אין מיטנאַכט רב יונה,
אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער, אָנגעטריפט אַ ליכטעלע, אַ קליינע
און אַוועקגעזעצט זיך אָפּצוריכטן חצות.

טוט אַ ווינטעלע אַ בלאָז
נעמט דאָס ליכטעלע מיט חלב־טראָפּנס ווײנען:

אָ, געשטראָפט איז זי פון גורל אירס, געשטראָפט!
אַלץ גע׳חלומ׳ט און געהאָפט,
פרייטיק אָנצוצינדן זיך אַ שבת־ליכט.
וואָלט אַ מאַמע, מיט די הענט פאַרדעקנדיק ס׳געזיכט,
אָפּגעפּליסטערט איבער איר אַ תפילה
און אַ טאַטע, קומענדיק פון שול,
ביי איר שײַן געזונגען וואָלט דעם קידוש
און ביי איר צופוסנס, אויפן שטול,
וואָלט אַ קינד, אַ פלאַפּלערל, איר פלעמעלע באַ׳חידוש׳ט.
וואָלט זיך רואיק אויסגעברענט איר לעבן, שיכט נאָך שיכט
און וואָלט אויסגעצאַנקט ווי ס׳איז באַשערט אַ ליכט,
אויף אַ טישטוך, אין אַ לייכטער...

נאָר אָט דאָ, אינמיטן נאַכט אין פייכטער,
ביי אַ ווײנענדיקן איכה־ניגון,
וואו אַ הפקר׳ניק אַ ווינטל קומט איר פלעמל וויגן
און אין דרייַען אויסבויגן איר גופ׳ל,
דאָס איז צופיל!

ליבערשט זאָל א שטורעם קומען שוין אויף אַלע שטיבער
און אַ שליידער טאָן דעם טיש דעם קרומען,
די מדינה פון איר קראַנקן לעבן.

וואָלט איר פלעמל זיך אַ וואָרף געגעבן
אויפן ספר, אויפן טיש און ווענט
און אין שרפות זיך צעברענט
אין רויטע.
אַש זאָל ווערן פון דאָס גאַנצע שטעטל!

אַ ברונעם

אויף אַ ברונעם הענגט אַן עמער,
ווי אַ צעפּל אויף אַ קאָפּ.
אַלע טאָג לאָזט ער אין דעמער
זיך פון טיפעניש אַראָפּ,
שעפּט דאָרט אָן אַ ביסל וואַסער
פאַר דער דורשטנדיקער גאַס,
און דער ברונעם, אַן אינ׳כּעס׳ער,
ברומט פון אונטן מיט אַ באַס:

— אַזאַ נעמער, אַ קאַסאָקער,
שעפּט פאַר אַלע אַ געטראַנק!
און דעם געבער, דעם בעל־צדקה,
זאָגט ער קיין מאָל ניט קיין דאַנק...

וויגט אַביימל זיך דערנעבן
און עס ענטפערט פאַרן כּלל:

— כּבוד וויל ער פאַרן געבן
אַ קליין ביסל פון אַ קוואַל.
יעדער ווייס דעם אַלטן פּזמון —
געבן ווייניק איז קיין שאַנד.
אַ בעל־צדקה ווערט מען, איז מען,
ווען מען גיט מיט פולער האַנט.

ס׳איז קיין קונץ ניט, זאָג איך, כ׳לעבן,
עפּעס געבן פונעם גרייטן.
אָבער צדקה הייסט געגעבן,
ווען די קעשענע נעמט ווי טאָן.

אַ ווינטמיל

ס׳טרעפט, דאָס ווינטל הערט אויף ווייען.
האָט די ווינטמיל אויפן היגל
אויפגעהערט די פליגל
דרייען.
שטיין געבליבן אַ פּאַר׳גולמ׳טע אין קלערן
מיט אַן איקס אַ גרויסן אויפן שטערן.

און דער איקס — די פליגל,
אויפגעהערט זיך דרייען אין אַן עיגול
ריידן;
די פון אויבן מיט תקיפות
און די אונטערשטע באַשיידן.

״עס איז מיאוס זיך אַליין צו לויבן!
ריידן פליגל די פון אויבן;
אָבער הער נאָר!
כ׳האָב אַליין געהערט עס פון דעם מילנער גרונם;
ס׳איז צעטיילט די וועלט אויף פּיס און הענער
מקדמונים.
איז דער גורל פון די פּיס די הערנער טראָגן
און אַליין צו טאָפּטשען אין די שטויבן.
מעגסט זיך אַמפּערן און שטוינען
אָבער הערנער וואַקסן פּאָרט אויף קעפּ, ווי קרוינען.
און פּיס פון אייביק אָן זיינען אויף דער ערד.
עס איז מסתם אַזוי די פּיס באַשערט
צו שלעפּן אויף די פּלייצעס אונדז, די שטויסער.

״אַבער אמת, אָבער יושר!
שרייען פליגל פון דערנידער;
זיינען מיר ניט פון דעם זעלבן גוף צוויי גלידער?
ברידער,
לערנען אונדז צו זיין די אמת־לערנער!
״אמת ווילסטו זוכן בא די הערנער?
לאַכן פליגל וואָס פון אויבן;..

פלוצים נעמט דער שליאַך זיך שטויבן.
ס׳קומט אַ ווינט אָן מיט געוויי
טוט די פליגלען גיך אַ דריי
און לאָזט זיי שטיין פאַרקערט —
די פון אויבן צו די שטויבן
און צו הויכן די פון דער ערד.

און פליגל
אויפגעהערט זיך דרייען אין אַן עיגול
ריידן
די פון אויבן מיט תקיפות
און די אונטערשטע באַשיידן...

פאַריז 1948

האַמער און גלעקל

קלינגט אַ גלעקל, טומלט, שרײַט,
אַזש עס טוען וויי די אויערן.
קלאַפּט אַ האַמער בײַ דער זײַט,
און די ווערטער, נעגל בויערן:

— וואָס זשע זײַנען פּוסטע רייד?
ניט קיין קערנער, ניט קיין אייעלעך.
ס׳טראָגט דאָס ווינטל, וועלכער ווייט,
זיי אַוועק ווי גרינגע שטרויעלעך.

לאַכט דאָס גלעקל: — גראָבער מוח!
עס איז פאַלש דײַן גאַנצע דרינגעניש.
אויפגעהאָנגען אין דער הויך
האָט מען מיך נאָר פאַר מײַן קלינגעניש.

קלאַפּט דער האַמער, האַק און האַק:
דאָס איז דאָך די גאַנצע צרהלע!
אי דו טוסט ניט אויף קיין זאַך,
אי דו ביסט אַ גאַנצער שררהלע.

צדקה

אַן עמער וואַסער, אויף דער באַנק,
האָט זיך צעטענהט מיט אַ זעקה:
אַ יעדער שעפּט פון מיין געטראַנק
און זאָגט אַפילו ניט קיין דאַנק
און גיט מיר ניט קיין לויב פאַר צדקה...

דער לאַבן ברויט, וואָס ליגט אין שאַנק,
האָט שוין אַ בעסערע מערכה:
אַ יעדער קוועלט פון זיין געשאַנק
און מען באַצאָלט אים מיט אַ ברכה...

דער מעסער, וועלכער פינקלט שיין,
געגומען האָט אים איבערשפּעטן:
דער ברויט, ער שניידט זיך ביזן ביין
אַ הונגעריקן אָנצוזעטן

ער גיט זיין לעבן, און זיין גאָר
אַ יעדערן וואָס קומט נאָר קלויבן
און דו וואָס גיסט אַ טראָפּן נאָר
ווילסט אויך מען זאָל דיך רימען, לויבן.

צדקה איז ניט פושקע־געלט
קליינגעלט מיט אַ זשעסט, אַ ברייטן,
צדקה, איז ווען עמיץ גיט
אַז זיין קעשענע זאָל וויי טאָן

און דו, וואָס בינסט מיט וואַסער פול,
און גיסט ניט דיינס, ווייל שעפּסט פון טייכן,
גיסט אָן אַ גלעזעלע בול בול
און ווילסט זיך מיטן ברויט פאַרגלייכן?

ער גיט ווייל געבן איז זיין דראַנג
ער גיט אַוועק זיין האַרץ און לעבער.
און דו פאַר וואַסער ווילסט אַ דאַנק.

אַן עמער קאָן ניט זיין קיין געבער...

פערלגרויפּן

אין אַ טאָג אַ בלוי באַהיטלטן, אַ קלאָרן,
איז נפתלי
בעל־עגלה
מיט זיין פורל צוגעפּאָרן, —
צו דער טיר פון בשמים־קרעמל
פון דעם סוחר רב אברמ׳ל.
אָפּגעשטעלט דאָס פערדל מיטן ווייסן פלעק
און פון וואָגן שווער אַראָפּגעשלעפּט צוויי זעק.
האָט אברמ׳ל
זיי געהייסן שטעלן אינעם קרעמל
ווייט אין עק.
אי דעם ערשטן
זאַק מיט גערשטן,
אי דעם צווייטן זאַק דעם קליינעם,
פול מיט פערלגרויפּן איינס אין איינעם.

שטייען פערלגרויפּן, באַלד זיי וויינען;
אַזאַ אומגליק לא עלינו!
זיי אַזוי באַליידיקט, אַ באַוויז —
ניט געשטעלט זיי לעם דעם אויסלענדער
דעם רייז,
ניט לעם זיסן צוקער,
ניט לעם ווייסן מעל,
נאָר פאַררוקט זיי אין דעם כף הקל.
לעם דעם פּראָסטן ניט געבערשטן
גראָבן יונג דעם גערשטן!
זיי די איידעלע די אָקאָרשט אויסגעשלייפטע!

און די גערשטן קוקן אויף די פערלגרויפּן פרעמדלעך
און די ליפּן די פאַרשטייפטע
שיטן פייער פלאַם;
״קוקט נאָר אָן דעם כבוד דעם פאַרשווועבטן!
אָקאָרשט אויסגעטאָן די גערשטן העמדלעך, נעבטן!
און זיי שעמען היינט זיך שוין מיט זייער שטאַם!...

די פּעסל

ס׳האָט באַ אַ פּויערל, אַ יונגן בעל־הבית׳ל,
פֿאַרפּעלט אין בעל הבית׳ישקייט אַ פּעסל.
ניטאָ קיין וואַסער וואו צו האַלטן,
ניטאָ וואו צו פֿאַרזייערן קיין קרויט.
עס שילט די פּויערטע איר ״אלטן״
און טוט אים אָן דעם טויט...
ס׳איז אונדזער פּויער ניט צום וויינען ניט צום לאַכן.
וואָס טוט מען? גיט אַן עצה אדרבה!
די אַרבעט ברענט, נאָר הויבט זיך אָנעט מיט אַ ״באַבע״...
און ס׳האָט דאָס פּויערל געמוזט פֿאַרוואַרפֿן אַלע זאַכן
און נעמען זיך אַ כלי מאַכן.
געהובלט האָט ער און געשניצט.
געשניטן און געשוויצט,
און אויסגעמייסטרעוועט אַלץ אויפֿן בעסטן אופֿן. —
אַ טונכל, ווי אַ מויד אַ קלאָרע, אַ פֿאַרשוין.
מען דאַרף איר אָנטאָן נאָר די רייפֿן
און שוין!...

נאָר דאָ איז אים געשען די צרה.
ס׳האָט אונדזער בעל הבית
אין מורא אַז די פּעסל זאָל ניט נעצן, —
פֿאַרגעסנדיק אָן יעדער מאָס,
גענומען העכער אַלץ די רייפֿן צו פֿאַרזעצן.
עס קריכט איין קליעפּקע אויף דער צווייטער שוין אַרויף,
נאָר ס׳טרייבט דער פּויער העכער אַלץ די רייף,
ביז פּלוצעם, מעשה שטן,
האָט די רייף געפּלאַצט —
און ס׳האָט די פּעסל זיך צעשאָטן.

עד כאן דער משל.
און דער נמשל אין די זאַצן;
וואָס ענגער פּויער מאַכסט די רייף,
די פּעטליע, צי דעם שלייף
אַלץ גיכער וועט עס פּלאַצן!...

עמער און פעסל

אָנגעאַרבעט זיך פון פרי ביז דעמער
האָט דער וואַסערטרעגער העשל.
קוים אין אָוונט האָט ער אויפן הויף,
באַם רעגנוואַסער פעסל,
אויסגעטאָן די עמער.
אָנגעשפּאַרט די קאָראָמיסלע אָנעם פעסל־עק
און זיך אויסרוען אין שטוב אַוועק...

האָט די פעסל צו דעם הימל
גרין אַ גלאָץ געטאָן מיט שימל
און מיט פוילע ציין געטאָן אַ שמייכל;
מזל זאָל מען האָבן, ניט קיין שכל!
איז אַ פראַגע וועם איך מיין עס?
אָט די עמער מיינע שכנות...
עך!
דאַכט זיך פּראָסטע בלעך.
ניט קיין זילבער, ניט קיין גאָלד,
און דאָס מזל האָט זיי האָלט!...
הענגט ער זיי אַ גאַנצן טאָג אָן
וועמען אויפן רוקן,
עפנט ברייט פאַר זיי אויף אַלע טירן,
קאָן מען ניט פאַר קנאה פּוקן
און קראַפּירן?!

וואַסער זאָגסטו טראָגן זיי אין אַלע שטיבער?—
ווער פאַר וואַסער טראָגט עס הויך?!
וואַסער שטייען פולע גריבער...
און באַ מיר אַ פולן בויך
גיסט אָן דער דאַך,
ווען ס'נעמען וואָלקנס אים צעוואָגן.
קומט מען אויף די פּלייצעס טראָגן
מיך אַ סך?
מזל דאַרף מען האָבן צו אַ פּלייצע נעמער
יאָ!...

„האָ!
האָבן זיך צעברומט די עמער;
ס'שטייט אַ פוילע פאַס באַם רעגן רינע
און האָט טענות, צו דער וועלט מיט קנאה.
ווילסטו פאַס מען זאָל דיר אויף די פלייצעס שלעפּן? —
גיי זיי מוחל פון די טיפע ברונעמס שעפּן!...״

פאַריז 1950

פּויק און פלייט

ס'האָט אין אָרקעסטער,
ביי אַ טאַנץ, צי ביי אַ הימן,
אַ דינע פלייט גענומען
אויף אַ גראָבער פּויק זיך קרימען:

וואָס האָסטו זיך צעשריען
ווי אַ פּויער
און ראַצסט אין יעדן
איידעלערן אויער?

ביי אונדז אין רומל
האָט אַפילו אַ טרומייט
פאַרוואָרפן זיין געשריי

און שפּילט שוין
און נאָר דו איינער קומסט נאָך מיט אַ טומל
גרילצן...

און ס'האָט די פּויק דער פלייט
געענטפערט מיט די רייד:

ס׳איז גוט צו זיין אַ זינגער,
ווען ס׳קושן ליפּן און עס גלעטן פינגערס.
נאָר וואָלט מען מיט אַ פלאָקן שווערן
געקומען בויקערן, ווי מיך, די פעל
דאַן וואָלט איך וועלן הערן
ווי ס׳וואָלט ענטפערן
דיין קעל.



באַרימערייַ

עמיץ אין אַ שטאָט צי אין אַ שטעטל —
האָט אַ וואָרף אַוועק געטאָן
אַ ניט־דערררויכערט סיגאַרעטל.
און אַז מען פאַלט שוין
קייקלט מען זיך באַרג אַראָפּ משופּע..
האָט אויך דער סיגאַרעט
דערקייקלט זיך צו מיסט אַ קופּע.
אַ הויפן פון געוועזענע און אָפּגעלעבטע לייטן,
ליגן זיי באַרימען זיך
מיט דעם אַמאָל, דעם ווייטן..

״עך!
רעדט אַ פּראָסטע
האַלב פאַרראָסטע
שטיקל בלעך;
מיינט איר אַז כ׳בין שטענדיק
בלעך געווען אַ שטיקל?
איך געדענק נאָך יענע צייט
ווען כ׳בין געווען ניקל...
ווערן ליכטיק
פלעגט ווען כ׳פלעג זיך נאָר באַווייזן״..

״ריכטיק!
רייסט איר דיבור
איבער
אַ צעדרייטער אייזן;
אוי אַמאָל!...
ווען כ׳בין פון שטאָל
געווען אַ שווערד.
ווער האָט עס פון מיין גבורה ניט געהערט?!״

״געהערט געהערט!..
איז מען אין מיט אים אַריינגעפאַלן זאַלבע פערט;
און יעדער —

אַ האַלבע קאַם, אַ שטיקל לעדער,
אַן אַלטער טאָוול און אַ טעמפּער אָל,
געגומען האָבן מיט אַמאָל
דערציילן און דערציילן פון אַמאָל!...
אַמאָל! — —

פלוצעם אינעם מיטן
פון דערציילטע גליקן
האָט ווי אַ מעסער אָפּגעשניטן
אַלע רייד, אַ קוויטשיקער כיכיקען...
"כי!
קייקלט פון געלעבטער זיך דאָס סיגאַרעטל;
כי רב ניקל, כי רב אייזן!
וואָס איז דער אַמאָל? אַן אויסגעריסן בלעטל!
הערט און זעט
וואָס ס'וועט אַ שטיקל סיגאַרעט
נאָך איצט באַווייזן!...
זאָל דאָס ווינטל נאָר אַ בלאָז טאָן
זאָל!..
וועל איך מיטן פלאַם אַ לאָז טאָן
כלו כל!..
פריער
וועל איך מיט אייך אַלע מאַכן על הביעור..
שפּעטער,

וועל איך אויפן צאַם
פון ברעטער
אָנטאָן פלאַם.

ברענען וועט דער טויער
און דער מויער
און דאָס גאַנצע שטעטל..
זאָל מען זען
וואָס ס'קען
אַ סיגאַרעטל!..

איי וועט עס אַ שרפה זיין, אַ פלאַקער!

אײ!!

פּלוצעם איז אַ דורכגײער פֿאַרבײ
געטאָן אַ שפּײ —
טששש
און אויס באַרימערײ!!..

מאָנטרעאַל 1950

אַ ליכטל

אויפגעשטאַנען איז אין מיטן נאַכט רב יונה.
אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער, אָנגעטריפט אַ ליכטעלע אַ קליינע,
און אַוועקגעזעצט זיך אָפּצוזאָגן אָפּצוריכטן חצות.
טוט אַ ווינטעלע אַ בלאָז
נעמט דאָס ליכטעלע מיט חלב טראָפּנס וויינען;

אָ געשטראָפט איז זי פון גורל אירס, געשטראָפט!
אַלץ געחלומט און געהאָפט —
אין אַ פרייטיק אָנצוצינדן זיך אַ שבת־ליכט.
וואָלט אַ מאַמעשי אַ שטילע,
מיט צוויי דורכזיכטיקע הענט פאַרדעקנדיק ס׳געזיכט,
אָפּגעפּליסטערט איבער איר אַ תפילה.
וואָלט אַ טאַטע קומענדיק פון שול
אויף צוויי חלות, באַ איר שייַן
געזונגען קידוש,
און באַ איר צופוסנס אויפן שטול,
וואָלט אַ קינד אַ פלאַפּלערל איר פלעמעלע באַחידושט.
וואָלט זיך רואיק אויסגעברענט איר לעבן, שיכט נאָך שיכט
און וואָלט אויסגעצאַנקט אַזוי ווי ס׳איז באַשערט אַ ליכט, —
אויף אַ טישטוך, אין אַ לייכטער...

אָבער דאָ אין מיטן נאַכט אין פייכטער
באַ אַ וויינענדיקן איכה־ניגון,
וואו אַ הפקר׳ניק, אַ ווינטל, קומט איר פלעמל וויגן
און אין דרייען אויסבויגן איר גופ׳ל, —
דאָס איז צופיל!

ליבער,
זאָל אַ שטורעם קומען שוין אויף אַלע שטיבער,
און אַ שליידער טאָן דעם טיש דעם קרומען,
די מדינה פון איר קראַנקן לעבן.
וואָלט איר פלעמל זיך אַ וואָרף געגעבן
אויפן ספר, אויפן דיל און ווענט
און אין שרפות זיך צעברענט אין רויטע,

אַש זאָל ווערן פון דאָס גאַנצע שטעטל!...

"שששששוטה!
טוט אין ספר זיך אַ מיש אַ בלעטל,
ווי אַ צינגל אַ צעפּענטער;
"בעט ניט אויפן שטורעם שוועסטער!
אמת
פייערן צעברענט ער,
אָבער ליכטעלעך פאַרלעשט ער...

מאָל און מייז

נאַכט און חשכעניש געדיכט,
הילט די וועלט אין שוואַרצע וואָלן.
אין אַ פענצטער ברענט אַ ליכט,
אַרום ליכט, אַ ווימל מאָלן,

שוויבלען, דרייען זיך אין קרײַז
ווי פאַרכּישופטע פון פײַער.
אונטן, אויף דער ערד, צוויי מײַז
וואנדערן זיך, אין לשער:

זע נאַר, זע נאַר, ווי עס ציט
זיי צום פלעמל צו גענענען!
האָבן גאָר קיין מורא ניט
זיך די פליגלעך אָפּצוברענען.

אוי נאַראָנים! האָבן זיך
נאָך קײַן שכל ניט דערוואָרבן...
לוינט זיך דרייען אַרום ליכט
און אַראָפּפאַלן אַ קרבן?

יאָ עס לוינט זיך, רופט זיך סתם
אָפּ פון הויך אַ מאָל, דער מינדסטער:

בעסער שטאַרבן אין אַ פלאַם,
איידער לעבן אינדערפינצטער...

אַ טיש

שטייט אַ טיש מיט ווײַסקייט אַ פֿאַרשנייטער,
מיט כּל־טוב, דאָס שענסט און בעסט, אַ צוגעגרייטער.
זאַמען זיך די געסט, וואַרטן ליידיקע די שטולן.
שטייען אויפֿן טיש דעם פולן
שיסלען, טעצעלעך און טעלערלעך
אָנגעפּילט מיט יצר־הרעלעך,
מיט ווענלערלעך.

און דערבײַ,
לעם דינעם פּאָרצעלײַ,
אין פּאָרעלעך,
אויסגעווירעט ליגן זיך
לעפל, גאָפּל — און זיי קריגן זיך.
וואָס זשע איז די צאַנקערייי?
אַדרבא! הערט זיך אײַנעט!
און גיט געהערכט אַ לעפעלע, וואָס טענהט:

וואָס עפּעס פֿאַר אונדז נאָר טיי און זופּ,
אַ בריעכץ פֿאַרן צונג, אַן אויסרייד פֿאַרן לופּ,
און אַל די מאכלים, פֿון טעפּעלעך און יאַיכעלעך,
וואָס שמעקן בעסער,
פֿאַר גאָפּלען און פֿאַר מעסערס,
פֿאַר די פּרעסערס?
הייבן מיר אָן שרײַען, פֿרעגן קשיהלעך,
ווערט גלײַך אַ מחלוקה.
מען פֿאַרשטאָפּט די מײַלער אונדז מיט קאַשעלעך
און תּיקו...

קוקט נאָר דאָרטן, דאָס געשטופּ
בײַ די גאָפּל־מעסער:
פֿליישן, פֿישן
און נאָך בעסער.
קוגעלעך און קנישן

הייַנט די הינדלעך די געבראָטענע,
די אינדיקעס,
אויף אַלעמען געזאָגט געוואָרן, גאָטעניו!
ווער זינדיק איז!

פֿאַרוואָס פֿאַר זיי נאָר דאָס גן־עדן־עפּעלע,
די פּאָרציעס טאָפּעלע?

„קליין קעפּעלע!"
רופֿט זיך אָן אַ גאָפּעלע
און שטרעקט די פֿינגערלעך צום הימל:
„וואָס עפּעס אויף אונדז דאָס שרייַען?
שרייַ צום גרויסן גימל, —
ער דער פּוסק איז און דיין!
ער באַשאַפֿן האָט די פֿענדעלעך און טעפּעלעך,
און זופּ באַשטימט פֿאַר די, וואָס האָבן קעפּעלעך.
און פֿלייש, און פֿיש און קריינדעלעך
פֿאַר די, וואָס האָבן פֿינגערלעך און ציינדעלעך".

*

אויב ס'איז, גאָטעניו, דייַן רצון,
אַז אַל דאָס בעסט פֿון ירדן ביזן האָדסאָן,
זאָל זייַן פֿאַר גאָפּלען נאָר און מעסערן, —
איז צייַט דייַן וועלטל, די געראָטענע,
שוין אויסצובעסערן!

וואָג און מאָס

ס׳האָט אַברעמל אין זיין קרעמל
גרינס און פירות אַלערליי:

קעז און פוטער, צוואָרעך גוטע,
מילך און קאַווע שמאַנט און טיי.

פיש און אייער אַלערלייער,
ברויט און חלה, לעקעך טאָרט,

יעדעס פעקל, קויש און זעקל
האָט אויף פּאָליצעס זיין אָרט.

יעדע מאַרקע האָט איר קעסטל,
יעדעס בינטל האָט איר טשוואָק;

אויפן טאָמבאַנק שטייט אַ מעסטל
און ביים זייט אירן, אַ וואָג.

לאַכט פון וואָגשאָל אָפּ, דאָס מעסטל:
וואָס זי איז אַזוי מין קאַרג,
יעדעס פיצל, ברעקל, רעשטל
וועגט זי, ווי ס׳וואָלט זיין, אַ באַרג...

עפּעס פעלט, צי עטוואָס איבער,
טרייסלט זי זיך שוין אין פיבער,
קאָן ניט איינשטיין אויף אַן אָרט..

איך אַז כ׳מעסט, איז מיט אַ שמיצל,
שרעק זיך ניט פאַר יעדעס פיצל
זאָגט מען טאַקע: כ׳בין ״אַ ספּאָרט״...

וויגט די וואָגשאָל זיך געלאַסן
און זי וועגט אַ יעדן וואָרט:

דאַרפסט זיך מעסטעלע ניט כעסן
יעדער ווערדע האָט איר סאָרט.

דו קאָנסט מעסטן מיט אַ צולאָג,
איך דערלויב דיר און פאַרגין;

איבערמאָסיק, איבערפּוליק
איז נאָך ניט דער גאַנצער דין...

מיינס טו איך, ווי כ׳קאָן, אַמבעסטן
און כ׳געדענק מיין מייסטערס זאָג:

אַ מחשבה קאָן מען מעסטן,
נאָר אַ וואָרט מוז האָבן וואָג.

אַ פלאַטערל

פליט אַ פלאַטערל אויף לאָנקעס בלומיקע,
קוקן נאָך עס בלימעלעך אַרומיקע,
הערצלעך פלאַטערן און בלעטלעך ציטערן —
מיט אַ וועמענס נעקטאַר וועט ער הײַנט זיך פיטערן?

ער — אַ לופטיקער, אַ צען־קאָליריקער,
אַ פּאָעט מסתּם, אַ דינער ליריקער,
ווייס אַליין ניט, אין זײַן פלאַטער פרעכטיקן,
אויף אַ וועלכער בלום ער וועט הײַנט נעכטיקן.

דער — אַ שמייכל און אַ גלעט אַ זײַטיקן,
דער — אַ קוש און דער — אַ וואָרט צווײדײַטיקן,
און דערוויַיל, חלילה ניט פאַרשפּעטיקט זיך:
אי מיט האָניק זיסן אָנגעזעטיקט זיך,
אי געוויגט זיך אויף קאָלירטע וויגעלעך.

און די בלימלעך — אומשולדיקע ציגעלעך,
מיט הערצעלעך, רויטע קראַטערלעך
און ליפּלעך — האָניק־קריגעלעך,
ווייסן נעבעך ניט, אַז פלאַטערלעך
זײַנען ווערעמלעך מיט צוגעפאַרבטע פליגעלעך.



פסולת

שפּאַסט אַ ריבאייזן פון זיפּ,
לאַכט מיט קולי־קולות:
זיפּט פאַר אַלעמען און זיפּט
און זיך לאָזט זי דאָס פּסולת...

וואָס וועט זי, צום ביישפּיל, טאָן
מיטן הויפן קלייען?
כאַ, כאַ, כאַ, צי איז זי גאָר
ביי איר קלאָרן רעיון?

איך צערייב אַלץ ביז צום לעצט
רייב און רייב כדיבור...

כ'האָב אַ ווייל זיך צוגעזעצט
הערנדיק דעם דיבור

און געטראַכט: אַז מענטשן אויך
זיינען ניט געאייניקט
איינער רעדט פּאַר פּלאַם און רויך
און דער צווייטער רייניקט.

ווערטער זיינען אויך אַזיי
פול מיט פּלעוועס, פּסולת.
אויב די ליפּן זיפּן זיי,
ווערט פון פּסולת סולת.

אַ שתדלן

ס׳האָבן זיך בײַם סטאָליער סעגל
אויפגעזאַמלט אין אַ קאַמער:
טשוועקעס, ניטשיפּטן און נעגל
עצות זוכן צו דעם האַמער,
וועלכער ממיתט אָן רחמנות
בײַ רב סעגלען אין די דלאָניעס.

נאָכן ריידן, טומלען, טאַדלען
ט׳מען באַשלאָסן, גרויס און קליין:
אויסקלײַבן אַ קלוגן שתדלן
וועלכער זאָל צום סטאָליער גיין
און זיך קלאָגן אויפן האַמער,
אַז ניט שלאָגן זאָל אַזוי דער חמור.

וועמען אָבער אָנטאָן שתדלן־שליפעס?
האָט גענומען וואָכן און אַסיפות
ביז באַשלאָסן האָט מען נאָך אַ גוטן שלוק,
אויסקלײַבן דעם ברייטן אויסגעדרייטן קרוק.

ערשטנס, איז ער איין משפּחה — אײַזן,
וועט ער זײַנע ברידער, נעגל, טרײַ זײַן;
צווייטנס, האָט ער אַ געדרייטן קאָפּ, אַ פּיסל שאַרף,
וועט ער זיך שוין אַרײַנדרייען אַוווּ מען דאַרף.

צום סטאָליער בעטן פאַרן כּלל
אַוועק דער קרוקל איז כּדברא...
איצט הענגט אויף אים אין סעגלס זאַל
אַ ליכטיקע, די קאַנדעליאַברע.

און טשוועקעס, יעקעס, נאַרישע פאַרשווערער,
שלאָגט מען איצט ווי פריער, און נאָך מערער...

גלאָקן

שטאָט.
אַ פלאָנטער דראָט
אַריבער
שטיבער,
דעכער,
שטאָקן.

העכער
אויף אַ קלויסטער־טורעם,
קוקן פון די שמאָלע פענצטער־לעכער
גלאָקן.
אונטן
אויף אַ דאַך אַ בונטן,
אַ געשניצטן אויפן ווענעציאַנער שטייגער
הענגט אַ זייגער אויפן הויז־עק.
מאַכן גלאָקן פון זיין קלינגען חוזק;

קלינגער!
באַסעוועט אַ גלאָק אַ שווערער;
אפשר וואָלסטו פאָרט פון צוועלף
געקלונגען מערער?...
עפעס ביסטו אויף דער עברי שווער
נאָר דאַרפסט ניט צערנען...
וואָלסט אַ ביסל מער
באַ אונדז געמעגט זיך לערנען
איידער ווערטער ווי די אַרבעס קלויבן.

וועלכער נאַר האָט דיך אַרויסגעהויבן
מיט צוויי פינגער קרייזן
אין אַ רונג?
רוקן זיי און רוקן
יעדער זאָל דעם קאָפ פאַררייסן
קוקן אויף דער אַרבעט פון דיין מוח.
צונג!

אָט דאָס איז כוח!
שרייען,
בריִען,
שיטן קלאַנגען!!!
ניט אומזיסט אונדז האָט מען אויפגעהאָנגען
העכער
איבער דיר און אַלע דעכער,
וועמענס כוח איז עס, וועמענס!
"אמת!
טיקעט שטילערהייט דער זייגער;
יעדער האָט זיין שטייגער
פירונג
און זיין שוואונג...
איינער קלעטערט הויך אַ דאַנק געהירן
און דער צווייטער אַ דאַנק צונג!..."

גלאַנץ

זונטיק.
אַ יון־טאָג
העלט מיט זיין פאַרמעג.
אין גינגאָלד
וויקלט זיך אַ וועג
און רינגלט
דערפּעלעך אין דרימל,
אַ לאָנקע שפּיגלט זיך אין הימל,
ווי אין יום־טוב־ליכט אַ כּוס.
און עפּעס וואָס,
צופוסנס פון אַ בלימל,
האָט זיך צעפינקלט מיט אַזאַ מין
פייערדיקן כתב, —
אַז אַ שיקסל אַ פאַרקלערטס,
וואָס האָט געקליבן שטשאַוו
ט׳געמיינט ס׳איז עפּעס ווערטס.
און עס אַ כאַפּ געטאָן צו זיך אין קערבל.
ערשט וואָס, —
אַ שטיקל גלאָז,
אַ שערבל!...

דימענט און בריליאַנט

אַ דימענטל.
אַ̈ן אַרבעטער אַ פּראָסטער,
וואָס פענצטער־ראַמען ליידיקע
באַגלאָזט ער.
דערזען האָט אויף אַ האַנט, —
אַ בליצער,
אַ שטראַלן־שפּריצער,
אַ בריליאַנט.

אין זון צעשפּיגלט און צעברענט.
אין הונדערט קאַנטיקייט געשליפן.
און האָט אין אים דערקענט, —
אַ חבר פון די זעלבע טיפן
און דעם זעלבן שטאַם,
וואָס איז מיט אים צוזאַם
אין אונטערערד געלעגן.
און אויף צו פאַרשטיין אַ בעלן
האָט ער אים גענומען פרעגן
ווי אַזוי?

ס׳האָט דער בריליאַנט אַ שאָט געטאָן מיט שטראַלן
גרין און ראָז און בלוי;
וואָס איז דאָ ניט צו באַגרייפן?
אויף צו קאָנען שפּעטער שיינען, —
דאַרף מען זיך אַפריער שלייפן!...

ווילנע 1938

פּען און בלייַער

אש להבה אויפֿן מעקער איז דער בלייַער,
פֿלאַם און פֿייַער...
פֿאַר דעם טינטער, פֿאַר דער פּען
און פֿאַר וועמען נאָר ער קען,
טענהט ער, אָן אויפֿגערעגטער:
— האַלב, וואָס איך שרייַב אָן, פֿאַרמעקט ער,
מייַן גוט חברל, מייַן טרייַער.
אַלץ, וואָס איז מיר ליב און טייַער,
אַזאַ קאַרליקל, אַ שנעקל!

— שקר! —
זאָגט דער מעקער —
הער שוין אויף צו איבערטרייַבן,
ס׳וועט שוין קלעקן!

ס׳דאַרף אַ שרייַבער קאָנען שרייַבן
און נאָך מערער קאָנען מעקן.
אויב נאָר שכל האָסט אין קאָפּ,
דאַנק מיר, וואָס דייַן אַרבעט טו איך אָפּ.

אַ גאָלדן־פּען

צי אַ מחלה איז עס, צי אַ תּאַווה?
נאָר די גאָלדן־פּען איז אַ בעל גאַווה.
קוקט אויף אַלעמען אַראָפּ,
נייגט צו שכנים ניט דעם קאָפּ
זיך צו באַגריסן. מיינט,
זי איז פון גאָט געקרוינט
מיט כּשרון און מיט וויסן,
מיט טאַלאַנט געבענטשט, —
נו, איז מען שוין דער גרעסטער מענטש?

אמת, אַז איר כּשרון גרויס איז, —
שרײַבט נאָר ריינס און שיינס.
אַלע אותיות איינס אין איינס.
און דער תּוכן! אַלטער ווײַן אין פּעסער.

וואָס זשע מיינען דאַרף אַ ריז
זײַן גרעסער
ווי ער איז?
אַזאַ שאָד,
וואָס גראָד
אַ גרויסער ווייס ניט, אַז עניוות
מאַכט אים גרעסער,
און נדיבות
טוט אים אָן אַ כּתר.

און ניט אומזיסט זאָגט יעדער:
אַ גרויסער כּשרון אין א קליינער פּעדער.

די פעדער

אָפּגעמיט זיך זיבן שעה
איז אַוועק דאָס מיידל פון ביוראָ
און געלאָזן אויפן שרייַבטיש שווייַגן
אַלע אירע שרייַבגעצייַגן.

אַ מעקער און אַ בלייַער,
אַ צינדערל צו מאַכן פייַער,
אַ מעסערל, אַ רערל,
אַ לעכל־מאַכער און אַ שערל,
אַ נאָטיצבוך אין לעדער
און אַהינטער —
אַ בלויע, שלאַנקע פעדער
אינעם טינטער.

וויפל קאָן מען שטומען?
נאָך אַ שעה
פאַרשווינדן,
האָט אַ שמועס זיך גענומען
בינדן
דאָרט און דאָ.
יעדער האָט עפּעס צו זאָגן, בלי נדר.
נאָר די פעדער
שווייַגט. ס'האָט איר דאָס לשון אָפּגענומען.
פאַסט איר דען צו ריידן סתם
מיטן פּראָסטן המון־עם,
מיט עפּעס אַ מעקער און אַ שערל?
זי, וואָס ציקלט ווערטער אויס, ווי פּערל,

זי, וואָס איר טאַלאַנט
שמ'ט אין יעדן לאַנד
און שטעט,
דאַרף זי ווערן טעט־אַ טעט
מיט אַבי ווער?
שטום געוואָרן איז דער גאַנצער שרייַבטיש,

זיך געגומען שעמען.
אָפּגעלעבט צוזאַם אַזוי פיל יאָרן,
ביז אַ פּעדער האָט פאַרלאָרן
דעם זכרון.

בלויז דאָס בוך פון לעדער
רעדט צום וואַנט:
אַזאַ ריזיקער טאַלאַנט
אין אַזאַ קליינער פּעדער...

דאָס גלעקל און זייגער

יאָ, אַ גלעקל און אַ זייגער זיינען ניט קיין פּאָרל!!
ווער האָט זיי צונויפגעפּאָרט, צו אַלדי שוואַרצע יאָרן??

ס׳גלעקל אויפן טיר הענגט, שרייט און קריגט זיך..
ער שטייט אין אַ ווינקל און זיין אומרו וויגט זיך.

ווייזערס אַקערן זיין פּנים, רוקן זיך צו צוועלפן
און זיין קלינגען בעט אַפּנים גאָט, ער זאָל אים העלפן...

נאָר ס׳וואוינט גאָט אין העכסטן הימל, ערגעץ אין די הייכן,
און אַ זייגערס קלונג, זיין שטימל, קאָן צו אים ניט גרייכן
און אויף דרערד וואָס קאָן זיך טרעפן, ווער וויל קומען
מעקלען?
אַז מען טוט דאָס טיר אַן עפן, נעמט דאָס גלעקל גלעקלען...

וועלכער שדכן, וועלכע סיבה, האָט די צוויי געצוואונגען?
ס׳איז מסתם געווען די ליבע, וואָס פאַרבלענדט די יונגע?

אַז די בלוטן זיינען יונג געפינט מען שוין אַ היתר
און אַז מען איז יונג ווער ווייס, וואָס ס׳וועט פאַסירן שפּעטער
איצטער זעט ער ווער זי איז דאָך: צרות און גריזאָטע:
אוי פאַרדריסט אים אויפן שידוך, אוי האָט ער חרטה!!!

נאָר וואָס טוט מען אַז מען ווייס ניט אין די יונגע יאָרן,
אַז אַ גלעקל מיט אַ זייגער זיינען ניט קיין פּאָרל?!

באַנקעטן

אויפֿן שרייבטיש האָט זיך יעדער,
אַ פֿאַרנאַכט, צונויפֿגערעדט:
אַז דער פֿעדער, בלי־נדר,
דאַרף מען מאַכן אַ באַנקעט.
ס'איז שוין צייט, זי האָט פֿאַרדינסטן
און עס קומט איר אַ באַצאָלט
און זי שרייבט דאָך מיטן דינסטן,
ריינסטן, שפּיצעלע פֿון גאָלד.
האָט מען אַ באַנקעט געפּראַוועט,
ווי דער שרייבטיש האָט באַשטימט.
יעדער רעדנער האָט געהאַוועט
און דער דיכטערין גערימט.

איינער גוט, דער צווייטער בעסער,
קאָמפּלימענטן, זיס ווי טאָרט...
ביז דאָס גלעזל, וואָס פֿאַרגרעסערט,
האָט גענומען אויך אַ וואָרט
און אַ שאָט געטאָן מיט שבחים
און מיט לויב, אַ פֿערטל שעה:

אַזאַ שרייבערין, אַ חכם,
איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ!

פֿאַטשן האָט גענומען יעדער,
ווי מען האָט עס נאָר דערהערט
און די שרייבערין, די פֿעדער,
האָט פֿאַרנויגט זיך ביז דער ערד.

און געענטפֿערט אַ צעראָזטע,
ווי אַ וואָלקנדל באַגין:
אוי, אַ דאַנק אייך פֿאַר די טאָסטן,
אַז איר ווייסט שוין ווער איך בין:

סאַראַ דיכטערין אַ פּראַכט און
סאַרא וויכטיקער פּאָעט,
איז שוין צייט איר זאָלט אַ טראַכט טאָן

פון אַ גרעסערן באַנקעט!

אָט דער משל איז אַ רמז
אויפן שרייבטיש אונזער היגן;
מען צעבלאָזט אַ קליינעם אמת
ביז עס ווערט אַ גרויסער ליגן.

רב שמעיה

שטייט אַ בלאָזער, אַ רב שמעיה, אויפן טיש,
דרייט אַ רעדל און בלאָזט אָן אַ זינען;
דאָ טוט ער אַ ספר אַ צעמיש,
דאָרט אַ וויג די ציידענע גאַרדינען.
אָט אַ ווי אַ שטיקל שרייבפּאַפּיר
דאַן אַ הויב אַ פּוך אינמיטן דרינען...
שטייט אַ בלאָזער שמעיה אויפן טיש
און ער זשומעט ווי אַ בינשטאָק בינען.

גייט לעם אים אַ זייגער, פּאָרצעליי,
אויסגעצאַצקעט מיט קאַליר און בלומען
טיקעט ער: וואָס איז דאָ דער געשמיי?
גיי פּאַמעלעך, ועסטו גיכער קומען...

ווייט דער בלאָזער און ער ברומט צו זיך:
ווער קאָן רוען אַז כ׳דאַרף טאָן פּאַר צווייען,
אויב איך וועל ניט האָרעווען אויף גיך
ווער וועט אָט דאָס גאַנצע רעדל דרייען?

קלאַפּט דער זייגער איינס און צוויי, אַזוי;
לאַכנדיק פון בלאָזער, אויסגעדינטן,
וואָס זשע טויג דיר שמעיה דיין געדריי?
אַז דיין דרייען מאַכט נאָר אָנעט ווינטן...

קריטיקערס

אויפגעשטאַנען איז רב יאָסעלע דער סופר,
אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, מיט כוונה און מיט אײפער
אָנגעטאָן דעם טלית און די תפילין
און אַוועקגעשטעלט זיך טאָן גאָטס ווילן...

דאַוונט ער און וויגט זיך, שוועבט אין וועלטן יענע;
אויפן טיש דערוויל, די גענדזן פּענע,
דער טינטער טינט, דער דעקל,
דער פּאַרמעט אויסגעשפּרייטער
און אויך אַ בלייערל, אַ ברעקל,
אַן אויסגענוצטער כתבא רבא
ריידן: איר ווילט הערן? אדרבא...

שרייבן, זאָגט די פּעדער:
קאָן ניט יעדער,
ערשטנס דאַרף מען גיין אין טינטערס שעפּן,
ס׳זאָל זיך קלעפּן.
צווייטנס מוז מען האָבן תוכן.

זעט, ווי ס׳איז רב יאָסעלע זיך מבין!
קוקט ווי ס׳גליט אַ פייער
אין זיין פּנים בלייכן...

אויך אַ צייכן,
לאַכט דער בלייער:
טינטן, סמינטן, ווער באַדאַרף עס?
האָסט אַ פּיצל בליי, פאַרשאַרף עס,
שרייב און שטעך, צענעם, צעברעקל,
זיי אַ ווייסער און אַן איבערקלייבער.
זאָל מען זען וואָס ס׳קען
אַ בלייערל, אַן עקל,
סאַראַ גאָב ער קאָן עס געבן שרייבערס,
ווי ער טומלט און ער ליאַרעמט...

גרויסער גאָט, צעוויקלט זיך דער פּאַרמעט:
סאַראַ רחמן בינסט, טאַראַ פאַרגיטיקער,
שרייבט אַ בלייערל זיך אויס
מאַכסטו אים אַ קריטיקער...

וויסן

ס׳טרעפט, עס זאָל אַזוי ניט טרעפן.
עמיץ האָט אַן ״אָנהויבער״ געעפנט
און געלאָזט עס אָפן ליגן
לעם אַ ווערטערבוך, אַ דיקן.

אָנפאַנגביכער, ווי מיר ווייסן
האַלטן תמיד זיך אין גרייסן;
ווייל זיי מיינען
אַז מען קאָן שוין לייענען,
איז מען שוין אַ גרייסער
קענער און אַ ווייסער.

מיט אַ ווערטערבוך אַנטקעגן
מוז מען עפּעס נעמען פרעגן...
קשיות טיפע, קשיות קלוגע
זאָל ער זען ס׳איז אַ בעל סוגיה...

און מיט ווערטער הויכע, שיינע,
נעמט ער פרעגן אים: מורנו!
רעטענישן, גרויסע חידות
אויף העברעאיש און אויף יידיש...

נאָר דער ווערטערבוך דער דיקער
ליגט און שטומט אַ שווייגעוודיקער.
ער האָט שוין די גרויסע נסן
ניט געדענקט און לאַנג פאַרגעסן.

לאַכט דער אָנהויבער, דער פרעגער,
אויפן טיש, זיין האַרט געלעגער:
ער דערוויזן האָט אַ לערער
אַז אַן אָנפאַנגער קען מערער.

ס׳איז אַזוי אין וועלט, אין גרייסער,
יונגע עמי הארצים, פלוישער,
מיינען אַז זיי זיינען ווייסער
און למדנים אַלט און ביינִיק,
ווייסן אַז זיי קאָנען ווייניק.

נאָר ער פאַרשטייט ניט וואָס די פען
האָט זאָגן אים געוואָלט:
אַז אויבעט ביי אַ מאָלער קען
ניט אַלצדינג זיין געמאָלט...

גלעקלעך

העגגסטו אויף א גלעקעלע
אויף טויערן;
איז באַשטעל גלייך וואטע
פאַר די אויערן...

האט דער נאַכטוועכטער
רב יעקעלע
אויפגעהאָנגען אויפן טיר
א גלעקעלע,

טאָמער קומט ווען ביידערנאַכט
אַ גימעלע,
זאָל אים אויפוועקן
פון דרימעלע
דאָס גלעקלס שטימעלע...

האָט אָבער אַ צינגעלע
דאָס גלעקעלע,
קלינגלט עס און צינגלט
אָן אַן עקעלע,

טאָג און נאַכט
אין זון, צי אין געוויטערן,
קלינגלט עס

אַ פּענדזעלע

אַ פּענדזעלע, אַ האָריקער
וואָס בילדער האָט געמאָלט,
האָט אין אַ נאַכט, אַ פאַריקער,
אַ פּען זיין, זיך פאַרוואָלט.

גענוג שוין מיט פאַרשידענע
קאָלירן מאָלן צען!
ער וועט אַ מער צופרידענער
אין טינטער זיין, אַ פּען.

און שרײַבן האָט דאָס פּענדזעלע
גענומען אויף פּאַפּיר:
מיט שפּרינקעלעך און פרענדזעלעך
מיט פלעקן אָן אַ שיעור.

ס'איז שווער געווען צו לעזן עס
נאָך שווערער צו פאַרשטיין,
דער פּענדזל, דער געוועזענער,
געמיינט האָט אַז ס'איז שיין...

אַ פּען אין טינטער האָט געפרעגט
דאָס פּענדזעלע אַמאָל:
למאַי, עס האָט אַזוי פאַרפלעקט
דאָס שרײַבערײַ נאַכסאָל?

ס'איז בעסער ווייזן וואָס מען קען
מיט פאַרבן און קאָליר,
איידער פרוון זײַן אַ פּען
און שרייבן מיט אַ שמיר...

ביי מענטשן אָפט איז אויך אַזוי
אַ קינסטלער רעדט זיך איין:
אַז אויב ער מאָלט אַזוי גענוי,
קאָן ער אויך שרייבן פיין.

אַזש ס׳נעמט דער
מח ציטערן...

ס׳טוען ווי שוין
יעקעלען די אויערן
און אין האַרצן
נעמט אַ צאָרן הויערן...

בעט זיך שוין רב יעקל
אין באַנומעניש:
גלעקל כ׳בעט דיך
נעם שוין איַין די שטומעניש!

נאָר דאָס גלעקל ווייס ניט
פון קיַין דינגעניש,
אויפגעהאָנגען,
איז זיַין אַרבעט קלינגעניש...

חס ושלום! היט זיך פאַר די גלעקלעך,
זייער קלינגעריי איז שרעקלעך,
זאָגט די באָבע דוואָשעלע:
און ס׳באַשטעטיקט עס מיין משל׳ע

חצות

צוגעדעקט מיט טונקעלן געוואַנט פון הימל,
ליגט אַ גראָע געסל, ווי אַ בער אין דרימל.
אויפן געסל שלאָפט אַ מויער,
צוגעמאַכט די געלע אויגן

און צום זייט זיינס, צוגעבויגן,
אָנגעשפּאַרט אָן אַ לאַמטערן,
שטייט אַ קרומער מויער
מיט אַ שיקלדיקער אויג
אַ נומער אויפן שטערן.
אויפן טויער, אויפן שוואַרצן,
מיט אַ לאָך אינמיטן האַרצן
הענגט אַ שלאָס.
און אין הויך, צו דראָט אַן עקל
צוגעבונדן, הענגט אַ גלעקל.

שלאָפט אַ וועלט, אַן איינגעטולעטע אין גראָז.
דרעמלען פייגל, מיד פון זינגען און פון פלי.
רוען ביימער, איינגעמאַטערטע פון בלי.
כראָפּען כאַטקעס, צוגעדעקט מיט בוימער מיי.

פּלוצעם וועקט זיי אויף אַ קלינגעריי...
ס׳קלינגט דאָס גלעקל אויפן טויער,
פול מיט חוצפה און מיט כעס,
וועקט פון שלאָף, דעם גרויען מויער
און די שלאָפנדיקע גאַס:
חצות

שטערן פאַלן פונען הימל,
טויען וויינען אינעם גראָז,
כאַפּ זיך אויפעט וועלט פון דרימל!

צוליב וועמען, צוליב וואָס?
מיט געבייזער פרעגט דער שלאָס:

צוליב וועמען? שרייט דאָס גלעקל,
צוליב דיר און צוליב נאָך...
זע, די זון פאַרבלוטיקט הימלען,

ווי אַ פּאָזימקע דעם מאָך.

באַלד צעפּלאַקערן אַ שׂרפה
וועט דעם רוישנדיקן וואַלד.
וועק איך פונעם שלאָף דעם הויפּל:
כאַפּט זיך אויף, עס ברענט, געוואַלד!

ווער האָט דיך געהייסן שרייען,
וועקן אַלעמען פון רו?
זע ווי זיס עס דרימלען מייען
בלויז אַ ריח דעקט זיי צו.

זיך געמיט אַ טאָג, אַ גאַנצן
און געמאַטערט די פעלדער גרין
לאָז די מענטשן און די פלאַנצן
רואיק שלאָפן ביז באַגין.

ווער הייסט קלינגען, מיך דעם וועקער?
מיין געוויסן און מיין האַרץ.
אויפוועקן וועל איך די גלעקער
ווייל די נאַכט איז חושך־שוואַרץ...

טאַקע, לאַכט דער שלאָס פון ניקל:
מיט אַ ברומענדיקן באַס:
און ווער ציט דיך דאָרט ביים שטריקל
אין דערפינסטער אויפן גאַס?

פאַראַן אַ סך אַזעלכע שרייערס,
שרייערס אַלט און שרייערס יונג,
וועלכע ווייסן נאָך ניט הײַיאָר
אַז מען ציט זיי ביי דער צונג.

ווערטער

העגגט אַ ברעקל
גלעקל אויפֿן טיר,
טוט דאָס טירל
ווער אַ ריר,
נעמט דאָס גלעקל צאַפּלען
פּלאַפּלען
אָן אַ שיעור
און אָן אַ מאָס...

רעדט צום גלעקעלע דער שלאָס:
זאָג מיר גלעקל גלייך און גראָד!
זיינען רייד דיר ניט קיין שאָד,
ווען דו רעדסט און הערסט ניט אויף,
קלאָגט זיך קיינער ניט דערויף?

לאַכט דאָס גלעקל: שטומער שלאָס!
וואָס פֿאַרדראָס
און וועם אַ שאָדן?
כ׳בין מיט ווערטער אָנגעלאָדן
און מיין צינגל איז ניט פֿויל.
ס׳העגגט קיין שלאָס ניט אויף מיין מויל...

רעדט דער שלאָס שוין מיט אַ שמייכל.
מיטן גלעקעלע ער קנעלט:
ווער עס האָט אַ ביסל שכל
ווייס אַז ווערטער. פּונקט ווי געלט,

זיינען גאָרניט קיין קאַטאָוועס:
ווערטער זיינען אונדזער שאַץ.
די פֿאַרטייטשער פֿון מחשבֿות,
זאָג נאָך זאָג און זאַץ נאָך זאַץ.

דרוקט מען געלטער אָן אַ חילוק,
אָן אַ חשבון. אָן פֿאַרשטאַנד.
ווערן גלייך די געלטער ביליק,
ווייל זיי זיינען ניט קוראַנט.

אויכעט דער, וואָס שיט מיט ווערטער
מערער ווי ער טראַכט און קלערט,
איז זיין זאָג אַ ניט דערהערטער,
ווייל זיין רייד איז גאָרניט ווערט.

מעסער און צווייַג

שניצט אַ מעסער האָלץ אַ שטעקן,
שנייַדט אים, שינדט אים אָפּ די הויט.
און דער שטעקן, —
וויפל כּוחות קלעקן,
שרייַט אין מורא פאַרן טויט:

— שכנים גוטע, קומט און זעט,
זעט נאָר, וואָס צו מיר געשעט,
כּל זמן ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט,
ראַטעוועט!

און דאָס מעסער
שנייַדט און רעדט:
אַזאַ שטעקן, אַ שורפּאַטער.
כ׳שינד אים אָפּ און מאַך אים גלאַטער —
טעמפּ אויף אים מייַן שאַרף,
דעם בלאַנקן,
אָבער ער, אַנשטאָט צו דאַנקען,
לויבן, ווי מען דאַרף,
האַלט אין שרייַען.
בעסער
שווייַג!

— מעסער,
קין! —
ווײנט די צווייַג —
כ׳קלאָג און שרייַ, ווייַל ס׳טוט מיר וויי, —

אָבער מײַן געשריי
איז גרעסער
אויף דעם הענטל פונעם מעסער,
וואָס געווען אַ צווײַג איז נעכטן
און אַ פרײַנד,
און וואָס העלפט אַ ברודער שעכטן
הײַנט...

אַ מעסער

אויפן טיש, אַ בעל־הביתטע,
האָט אַוועקגעשטעלט פאַר געסט:
כיבוד, וויינעפל צעראָזטע,
פון דאָס שענסט און פון דאָס בעסט.

און לעם זיי אַ זילבער־מעסער
אויסגעפוצט און אויסגעגלעט;
שיילט דאָס מעסער, פאַר אַן עסער,
אָפּ אַן עפּל און ער רעדט:

סאַראַ שיינקייט פון אַן עפּל,
סאַראַ פאַרביקער צעגלי,
קוקט אויס, ווי אַ זון פון נעפּל
וואָלט אַרויסגיין אינדערפרי...

היינט דער טעם זיינער, דער ליבער
און דער שמעקעדיקער זאַפט;
אַזאַ עפּל, זיין קאַליבער
נאָר פאַרחידושט און פאַרגאַפט.

שווייגט דער עפּל, שוין אַ הוילער
אויפן טיש, זיין טהרה־ברעט
און דאָס מעסערל, זיין קוילער,
גלאַנצט אַ זילבערנער און רעדט:

לויבט און רימט די פּירות גוטע,
זייער ווייַן־קאָלירטן רויט
און מיט ווייכע רייד ווי פּוטער
שינדט ער זיי דערווייל די הויט...



עכבּרושל

האָט געוואוינט אַן עכבּרושל
אין אַ נאָרע
ביים מלמד חיים אָרע
וואָכן כּמה.

אויפגעגעסן דאָרט אַ שטיקל חומש
און אַ פּיצל גמרא
און אַוועק, אַ סברא
וואוינען צו דעם קרעמער אונגער?
ווער וויל אויסציען די פּיס פאַר הונגער?

ביי דעם קרעמער איז אַ שפע
עסן מיטן פולן לעפל:
מעל און צוקער,
קעז און רייז
און אַן עולם מייז
און ראַטן.
קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַטן!

אַז ס׳איז פול דער מאָגן
ווילט זיך עפּעס נאָך.
נעמט דאָס מייזל זאָגן
תורה פון איר לאָך:
חומש גאַנצע פּסוקים,
פון גמרא, חוקים,
דינים,
אַלץ בחצי חינם...

און דער עולם מייז
ביזן עלטסטן גרייז
צמאָקן מיט די צינגער,
לעקן אַזש די פינגער:

איז עס ניט קיין נס פון בורא?
סאַראַ מויז!

אויפגעגעסן בלויז
אַ שטיקל גמרא
און אַ פּיצל חומש
און עס קאָן שוין סתרי תורה...

דאָס בייטל

אַז דער מזל טוט א שמייכל,
ווערט אַ שוטה אַ בעל שכל
זאָגט די באָבע דוואָשעלע:
און דערפּאַר מיין משל׳ע...

האָט אָפּגעגליקט א שטיקל ציגנפעל
פון לינקן זייטל.
ס׳איז נאָכן פאַרב אויף גרין
און גאַרב אויף געל,
געוואָרן אויפן וואַרשטאַט־טיש אַ בייטל.
אַ טייסטער מיט אַ גלאַנץ
און מיט אַ שלאָס
אַ חידוש פאַרן מייסטער
און אַ פריינט דעם בעל־הבית,
איז וואָס?

באַדאַרף מען שוין די נאָז פאַררייסן,
קאָכן זיך און כעסן,
ווען אַ שטיוול צי אַ שוך
קומט צוגיין אויף אַ באַזוך?
אירס אַ קרוב איז דאָך יעדער
פון דעם זעלבן ציגנלעדער
ס׳פּאַסט איר ניט דער ציגן שטאַם?

ווערט דאָס בייטל פייער־פלאַם
אויף אַזאַ משפחה־רייסטער...
פון שעוראָ איז זי געמייסטערט
און מיט העגטשקעס אויסגעקנאָטן..
אָנגעבייכלט מיט באַנקנאָטן,
מיט אַ פנימל, אַ צאַרטס.

ווי קאָן זיין איר שטאַם דערזעלבער
ווען איר פנים איז אַ געלבער
און זיי, נעבאַך, זיינען שוואַרץ?

נעמט זיך אָן אַ שוך מיט האַרץ
און ער האַלט אַ דרשהלע:

אַז דער מזל טוט אַ שמייכל
ווערט א בייטל אַ בעל שכל,

אַ באַווייז מיין משל׳ע.

אַ הייגאָפּל

אַ הייגאָפּל איז שאַרף
דאָס ווייס אַ יעדער איינער
און ווי איז דעם וואָס דאַרף
אַ פּרווו טאָן זיינע ציינער,

ווייל שטעכן איז זיין פאַך,
זיין שטאָך איז אַ געניטער
מיט כעס צי מיט אַ לאַך
אַלצאיינס זיין שאַרף איז ביטער.

נאָר ניט פאַר קופּעס היי
וואָס ער האָט ליב צו וואַרפן
אויף וואָגנס אַלערליי,
אַוו מען זאָל ניט דאַרפן.

ער ליבט פון היי דעם דופּט
אויף זיך און אויף זיין שטעקן
עס פאַרפומירט די לופט
ביז ער אַליין נעמט שמעקן.

נו טרעפט, אַמאָל אין פעלד
געטראָפן האָט ער ליגן
אַ קופּע מיסט פאַרגעלט
באַקלעפּט מיט מחנות פליגן.

דער גאָפּל איז אין כעס:
אויף זיין גראָז, היתכן?
און האָט זיך מיט אַ האַסט
אין מיסט אַריינגעשטאָכן...
נאָר שוואַך איז ער און קראַנק
געבליבן אין זיין צאָרן,
פון אַוויר און געשטאַנק
איז אים ניט גוט געוואָרן...

ביים זייט אַ קוואַל וואָס פליסט
האָט זיך צעמורמלט: חבר!

צי ווייסטו ניט אַז מיסט
האָט גאָר אַ שלעכטן אוויר?
טינופת
לאָז צורו

זאָגט ערגעצווו אַ פּאַבל:
ווייל טינוף קלעפּט זיך צו
ווען טוסט עס נאָר אַ גראַבל

איז דו, ווער נאָר דו ביסט,
אַנטלויף פון שלעכטן אַוויר
וויל אייבע־ניט, מיט מיסט
ס׳טו אויכעט שמעקן חבר!

בשמים

אין אַ שטעלכל, אויפן הויפל,
וואו עס זאַמלען זיך צונויף
זאַכן כל׳ערליי אַזויפיל
אויף צו רייניקן דעם הויף.

האָט אויך ווער אַ פולע קעסטל
מיסט געבראַכט פון ערגעץ וואו...
קוקן אַלע אויפן געסטל
און מען האַלט די נעזער צו...

אמת, ריידן, רעדט ניט קיינער,
נאָר מען קרימט זיך און מען ווינקט
און דאָס קעסטל, דאָס ניט ריינע,
ווי זי מיינט מען ניט, זי שטינקט...

העלפט זיי גאָט, דער ראַמער איצל
קומט אַריין אין אַ מעת־לעת,
טוט וואָס פון אַ פלאַש אַ שפּריצל
און פון מיסט נעמט שמעקן בעז...

קוועלט דאָס רידל: אַ בעל מופת
איז דער איצל, אַ בעל נס!
וויל ער שמעקט ביי אים טינופת
מיטן וואוילגערוך פון בעז...

נאָר דער בעזים איז ברוגז,
האָט פאַרדרוס און רעדט מיט גאַל:
זאָגט מיר, פרעגט ער: צו וואָס טויג עס
בשמימ׳דיק צו מאַכן קאַל?

איך פאַרשטיי אַ גוטער ראַמער
ועט ניט שפּריצן גלאַט אומזיסט,
ער דאַרף אויסראַמען דעם קאַמער
און אַרויסוואַרפן דאָס מיסט!

אויך ביי אונדז, אין לעבן קרומען
טרעפט דאָס זעלבע אויף דער וועלט.
מיסט פאַרדעקט מען מיט פאַרפיומען
און דער עולם שמעקט און קוועלט.

חזנות

דער חרובע־הייצער אין דער שול,
אַ פּראָסטער חי וקים,
וואָס עברי־זאָגן איז ביי אים
אַ מאַטערניש עד היום.

געמיט זיך האָט אַ גאַנצע וואָך
אַז אַלץ אין שול זאָל בלאַנקען,
דעריבער פלעגט דער עולם אים
מיט לויבווערטער באַדאַנקען.

דערפון האָט זיך אין שמש׳ס האַרץ
צעוועקט דער גלוסט און גאוה:
פאַרוואָלט האָט זיךביים עמוד שטיין
דעם הרובע־הייצער פּייווע.

טאָג איין טאָג אויס שוין ווי ער הערט
דעם חזנס תפילה־קלאָגן,
וועט אים אַוודאי זיין ניט שווער
דעם חזן נאָכצוזאָגן.

און ס׳האָט דערוואַרט רב פּייווע זיך,
אַ ווינטערטאָג, אין שטעטל,
האָט צוגעקילט דער חזן זיך
און צוגעבאַפּט צום ברעטל

האָט זיך דער שמש, גלויבנדיק
אַז ער באַשיינט דעם עמוד...
נאָר אָך און ווייַ, צעהאַקט האָט ער
די עברי און צעלאָמעט...

אַרום דער עולם האָט געשטוינט
מיט חוזק׳דיקן ברומען
נאָר פּייווע שמש האָט געגלויבט
אַז ער האָט אויסגענומען...

ער׳ט איינגערעדט אי זיך אַליין
אי זיינע פריינט במחילה,
אַז ער קאָן דאַוונען, אַז ער איז

אַ טייערער בעל תפילה..

איך ווייס ניט צי איך דאַרף און מוז
דעם משל אייך באַשיידן?
פון איינרעדענישן איז שווער
אַ מענטשן אויסצורייידן.

דערפאַר האָב איך קיין תביעה ניט
צו פייוועָן. די שולד געהערט דעם שטעטל,
וואָס האָט געלאָזט אַ קאַליקע
זיך צוכאַפּן צום ברעטל.

הינט און קעץ

עס האָט אַזאַ נאַטור ווי איך
מיין כלב, דער קודלאַטער,
אַ רואיקער, נאָר ס׳פּלעמלט זיך
אין האַרץ ביי אים אַ קראַטער...

געפעלט אים ווער דרייט ער דעם עק,
ווען ניט, צעבילט ער זיך אַ שרעק!
מיין כלב איז אַ כּעסן...
נאָר בייסן וועט ער קיינעם ניט.
ווען יענער לויפט, ווי אָפּגעבריט,
צו וואָס נאָך יענעם בייסן?

מיין שכנה׳ס קאַץ איז פּונקט ווי זי,
אַ שיינע, אַ גראַציעזע.
זי פּוצט זיך שוין פון אינדערפרי
צו מאַכן אַן אימפּרעזע...

אַ שטילע, רעדט ניט אויס קיין וואָרט,
זי מורקעט און זי שטרעקט זיך.
זי זוכט זיך אויס אַ ווייכן אָרט
און וואַשט זיך נאָר און לעקט זיך.

נאָר טרויען זאָלט איר איר ניט גלייך
ווער ווייס וואָס ס׳קאָן אַ קאַץ טאָן?
אָט וועט זי שפּילן זיך מיט אייך
און אָט ביז בלוט אַ קראַץ טאָן...

מיין כלב רופט מען אָן פּאָדלעץ!
אַ נאָמען, אַ ציווילער...
נאָר ליבער האָב איך הינט ווי קעץ
כאָטש הינט זיינען די בילערס.

שאַצערס

אין אַ נאַכט אַ בלויער,
אונטער גרינע צווייגן,
לעם דעם קרומען טויער
ביי די הינער־שטייגן,

האָט די כלב׳טע האַווקע,
ווי באַשערט פון גורל,
אָנגעטראָפן דווקא
אַ באַפּעלצטן טכוירל.

ניט קיין פּעלץ, אַ פוטער!
שיין אויף דעם צו קוקן.
זיידיק־ווייך ווי פּוטער,
זילבערדיק דער רוקן.

מיט דעם עק דעם וויכן
גדלותדיק פאַרריסן,
ווי אַ פראַגעצייכן
אויף אַ סוד, אַ זיסן.

ניט געזען האָט האַווקע
קיינמאָל אַזאַ איינעם;
גלאָצט זי אַ פאַרגאַפטע
אויפן טכויר, דעם שיינעם.

ס׳רוישן אירע בלוטן
ווי אַ הייסער רעגן.
מיט אַ ביל, אַ גוטן
לויפט זי אים אַנטקעגן.

מיט אַ ברום אין גאָרגל
מיט אַ לעקן, שמעקן;
אפשר וועט זיין ליבשאַפט
זיך צו איר דערוועקן?

נאָר עס האָט דאָס טכוירל,
ווער וואָלט זיך עס גלויבן?
גלייך דעם עק פון זילבער

העכער אויפגעהויבן...

און עס האָט דערוואוסט זיך
אונדזער כלב׳טע פלינקע:
אַז אין שיינע פוטערס
קליידן אויך זיך שטינקערס.

שאַצט ניט קיינעם לויט אַ פוטער עכטן
איר קאָנט האָבן אויך א סוף, אַ שלעכטן...

אַ קאָטערל

מיין שכנה האָט אַ קאָטערל
אַ שטילינקן, אַ ווייכן,
א געל־האָריקן טאָטערל
וואָס איז זיך תמיד מכין

אַ שפיל טאָן זיך אין כאַפּקעלעך
מיט פייגעלעך, וואָס שפּרינגען,
און נאָכדעם זיינע לאַפּקעלעך
צו וואַשן מיטן צינגל.

מיין שכנה וואָלט איר חיהלע
פאַר גאָלד ניט אָפּגעגעבן,
זי רופט אים: רב ישעיה׳לע
און ליבט אים ווי איר לעבן.

זי קעבלט אים און פּעבלט אים
מיט בראָטנס און געפּרעגל
און מיינט, אַז איר געל קאָטערל
באַנוצט שוין ניט די נעגל.

פּאַסירט אַמאָל, זיך שפּילנדיק,
צוזאַמען, מעשה שטן,
האָט זי אַזוי ניט ווילנדיק
זיין עקל אָנגעטראָטן...

און פּלוצים איז דאָס קאָטערל
געוואָרן ווילד, כּרגיל,
צעשטשירעט זיינע ציינדעלעך,
אַרויסגעשפּיזט די נעגל,

צעפּאָכט מיט האַסט זיין ווידעלע,
צעצישעט זיך, צעסאָפּעט,
און האָט זיין פריינד, די איידעלע,
צעביסן און צעדראַפּעט...

איך קאָן א מענטש סימפּאַטישן

דערצויגן, אַ מחיה.
אַ מענטש אַ בעלהביתישן
כאָטש נעם פון אים אַ ראַיה.

נאָר טרעט ווער אויפן עק אים אָן
שפרינגט גלייך אַרויס די חיה,
און מען דערקאָנט דעם קאָטערל,
דעם קאָטערל רבֿ שייע...

בענקשאַפט

דער עפּלבוים, מיט פּירות אָפּגעשאָטן,
בויגט נידעריקער איַין דעם שווערן קאָפּ.
די שפע איז, אַ דאַנק צו גאָט, געראָטן
און פולע צווייַגן בייגן זיך אַראָפּ.

די וואָרצלען אונטן בויערן די גרונטן,
זיי זויגן זאַפטן פאַרן עפּלבוים.
נאָר בענקען, בענקען זיי צום שייַן, דעם בונטן,
דעם הימל זען איז זייער גרעסטער טרוים.

אַזוי איז שוין אין דעם געווימל
פון אַלץ וואָס לעבט און אַלץ וואָס ווערט:
די וואָרצלען בענקען צו דעם הימל,
און צווייַגן בויגן זיך צו דרערד.

אַ מוראַשקע

אַ מוראַשקעלע, אַ פּיצל
האָט פאַרבלאָנדזשעט צו די גרילן
און איז דאָרט געוואָרן ניצול
פון אַ הונגערטויט אַ שטילן.

פראַצעווען איז עס געבאָרן,
פייַנט געהאַט די קעסט אומזיסטע, —
איז זי זייער גיך געוואָרן
ביַי די גרילן אַ מיניסטער.

אָפּגעלעבט אַזוי אַ זומער
אין עשירות, און אַ צווייטן —
ביז — אַ בענקענדיקער קומער
האָט אין האַרץ גענומען ווייטאָן,

האָט צערודערט די געפילן
און איר רו גענומען שפּאַלטן,
און זי האָט ניט אויסגעהאַלטן,
און פאַרלאָזט דאָס לאַנד פון גרילן.

וואָכן איז זי אָפּגעקראָכן
איבער שטיינער, איבער קרומע,
איבער זאַמדן, איבער מאָכן —
ביז זי איז אַהיימגעקומען.

אויסדערציילט פון אַלע וווּנדערס
האָט זי יעדן פריַינד און שכן;
און אַ יעדערער באַזונדער
האָט געפרעגט איר: — היתּכן?!

ביסט צעדרייט, משוגע ביסטו,
צי אַ שיכּורע פון משקה?
ביַי די גרילן אַ מיניסטער —
קומסטו ווערן אַ מוראַשקע?

האָט זי בלויז געטאָן אַ שמייכל

און געענטפערט די באַקאַנטע:
— אין מרחקים קריגט מען שכל
און מען קומט צו דער מסקנתא —
איידער זײַן אין פרעמד אין וויסטער,
אַ גביר און אַ מיניסטער, —
בעסער זײַן אַ האָרעפּאַשניק
אין דעם אייגענעם מוראַשניק.

פון אַ חזיר אַ האָר

קומען אין וואַלד האָט דער רעגן פאַרגעסן,
הונגערן העזעלעך ס׳פּעלט זיי אויס עסן.
בלעטעלעך וועלקן, טריקענען גראָזן;
ווער וועט דערבאַרעמען זיך אויף די האָזן?

אָבער אין וואַלד ווינט מסתם אויך רחמנות?
האָט מען מיט מיטלייד צעעפנט די דלאָניעס;
ביימער וואָס שטייען און פייגל וואָס שוועבן
יעדער גענומען האָט ברייטהאַרציק געבן...

אויכעט אַפילו די וועלף און די סאָוועס
האָבן געגעבן גאַנץ שיינע נדבות:
ביימער געשענקט האָבן באַרן און עפּל
קוסטביימלעך, יאַגדעס געשמאַקע, אַ טעפּל.

וועווריקעס שוואָמען, קאַשטאַנען און ניסלעך
הירשעלעך, קאָרע אין מאָכענע שיסלעך.
בערעלעך, בינטלעך צעצוקערטן ראָר.
בלויז דער רב שווײַן האָט געגעבן איין האָר...

חוזקט דער וואַלד פונעם חזיר, דעם קאַרגן:
ווינטשט אים: ער זאָל מיט זײַן גוטס זיך דערוואַרגן...
ווייל פון אַ חזיר און חזירשע גאָבן
קאָן מען ביים לעבן קיין נחת ניט האָבן

בלויז נאָכן טויט פון אַ חזירשע טושע
לעקט מען א ביינדל אָפּ פון זײַן ירושה.
זאָג איך דעריבער צו פעטע חברים
זייט ניט קיין גייציקע, קאַרגע חזרים,
ווען איר וועט געבן מיט האַרץ און אָן בושה
וועט מען ניט וואַרטן אויף אייער ירושה.



רב האָז

בײַ זיך אין נאָרע
איז רב האָז, אַ העזל.
זײַן שרה, קיין עין־הרע,
ווישט אים אָפּ דאָס נעזל.

שפּיליעט צו זײַן פּאַלטן,
בינדט אים אויס דעם באַנד
און ווײַזט אים נאָך אַנאַנד,
ווי גאָפּל־מעסער
בעסער
האַלטן אין דער האַנט.
זי לערנט אים,
דערצערנט אים,
ווי ריידן און וואָס זאָגן,
ווי בייגן זיך,
פאַרנייגן זיך,
דאָס היטל ווי צו טראָגן.

נאָר אין געשעפט,
אַוווּ עס טרעפט,
רב האָז איז בעל־הבית,
שטעלט ער אַרויף הויך די נאָז.
ער ציט זיך אויס אין גאַנצן ווּקס
און גייט אום ווי אויף גלאָז.
פאַרשטעלט זיך פאַר אַ וואָלף, אַ פוקס,
אַ שטעבעדיקן יאָזש.

ער בילט און ברומט, און רעוועט הויך
און ברוגזט זיך וואָס מער.
און מענטשן טאַקע מיינען אויך —
און רופן אים: רב בער!

איך ווילט זיך לאַכן?
מאַכט זיך ניט,
און לאַכט, און לאַכט פון האָז!
מיר, אָבער, ברידער, לאַכט זיך ניט —
ער איז מײַן בעל־הבית.

האָניק מאַכער

שוין פֿאַרטאָג, אין דעם באַגין,
האָט אַ באָק דערזען אַ בין
זויגן בלומענזאַפֿטן.

און זיין בערדל קייענדיק,
גרינעם גראָז פֿאַרדייענדיק,
מיט אַ מע פֿאַרגאַפֿטן
האָט ער זיך צעמעקעט: זאָג!
וואָס בינסטו בין שוין פֿאַרטאָג
אַזוי שטאַרק פֿאַרנומען
און וואָס שמייעסטו אַזוי
אויסגעוווייקט אין פֿרישן טוי
צווישן צוויט און בלומען?

זשום, זשום, זאָגט די בין: איך זוך
בלומענשטויב און וואוילגערוך
נעקטאַר, דופֿט און טאָניק,

ווייל פון אָט אָט דעם געמיש
וואָס איז נאָך פון טויען פריש,
מאַך איך זיסן האָניק.

טאַקע, וואונדערט זיך דער באָק:
פון די בלומען, אין פאַרטאָג,
מאַכסטו האָניק זיסן?
אוי, אַ דאַנק דיר פאַרן סוד,
פאַרן סוד וואָס איך האָב גראָד
לאַנג געדאַרפט שוין וויסן.

און פון דענסטמאָל, יעדן טאָג,
בלומען, אָן אַ מאָס און וואָג,
עסט דער באָק צעלאָזטער,
קווייטן פרעסט ער צו דער זעט
ווייל ער האָט זיך איינגערעדט
אַז מיט האָניק דאָסט ער.

שאָף

אויבן גליט
ווי קוילן גאָלדענע דער סכך.
און אונטן שפּרייזט מיט טריט
פּאַרטונקלטע, געהיים
דער דעמער.

און אויפן שליאַך,
אין קנוילן געלע שטויבן,
טרייבט אַ פּאַסטוכל אַהיים,
אַ סטאַדע לעמער.

עס ברענען אינעם ווייַטן דאָרף די שויבן,
אַ ווינטל קילט דעם אָנגעגליטן גרונט.
עס טוליען שאָף זיך איינס צום צווייטן,
דער פּאַסטוך שילט!
און וואָלף, דער סטאַדעהונט,
אַרויסגעשטעקט דעם צונג, דעם רויטן בילט:

אַן אומה!
אַז ניט האָבן זאָלן זיי קיין תקומה,
היט זיי נאָכאַנאַנד און היט.
האָבן הערנערלעך צום שטויסן,
האָבן טלאָעלעך צו בריקן,
נאָר אַז עס קומען וועלף זיי שטיקן,
זאַמלען זיי זיך אויף אין אַ געווימל
און מען מעקעט צו דעם הימל;
פּע!!

מע,
האָט אָפּגערופן זיך אַ שאָף, אַ פּראָסטע:

אונדז שעכט אַ יעדער בעל־הבית,
אונדז שערט אַ יעדער בעל־הבית־טע.
אויף יעדן וועג און יעדעס שטעגל
לויערן ציין אויף אונדז און נעגל...

און אַז הינט זיינען די היטער
און פאַסטעכער געביטער,
איז ניט קיין וואונדער
וואָס מען ציטערט!...

אַ חזיר

אַ פעטער דבר־אחר
ביים קאָרעטע, אַ מאַכער,
האָט ליב געהאַט אין זומערדיקע טעג,
פאַרקריכן אין אַ בלאָטע
און דאָרטן, אין סליכאָטע,
צעלייגן זיך אין תענוג אָן אַן עק...

צוויי ווייַס־געקליידטע ציגן
וואָס פלעגן זומער ליגן,
אָן אויפהער מעלה־גרהנדיק, אין גראָז.
געקוקט האָבן מיט ווונדער,
ווי סראָיעט זיך באַזונדער,
אין מיסט און קויט אַ חזיר מיטן נאָז.

ביז אין אַ דממה דקה
האָט זיך אַ ראָב צעקראַקעט:
אַ בלאָטע איז אַ חזירישע וועלט!

פאַר בעדער זיך צו באָדן,
וויל געלט באַצאָלט דער אדון

און פוילע בלאָטעס קאָסטן ניט קיין געלט.

עס זאָגן מיר חברים:
עס זיינען דאָ חזירים
אויך צווישן מענטשן ווען ס׳איז געלט אַ שאָד.
טאָ לאָמיר זיי פאַרגינען
די שליים־זומפּן די גרינע
און גיין אליין אין אַ באַצאָלטער באָד.



בין און וואָרעם

אָקערשט זון געווען, און איצטער
טאַנצט אַ רעגן, אַ צעשפּריצטער.
האָפּסלט, טראָפּסלט, בלענדט און בלעזלט
איבער לאָנקעס גרין צעגרעזלט,
איבער בייטן
פול מיט קווייטן,
אויף די בלעטלעך, איבער שפּראָצלעך...

אַלע בראָימלעך און שרצלעך
האָבן זיך פאַררוקט אין שפּאַלטן,
אונטער היי און שטרוי באַהאַלטן —
אָט געווען און ניט געוואָרן:

בלויז נאָר צוויי — אַ בין און וואָרעם
זיצן אויפן בירנבוים
דעם צעשפּרייטן שירעם בוים,
שטאָט אַ דעבעלע, אַ בלעטל
און מען פּשטלט אויס אַ פּשטל:

אמת, זאָגט דער וואָרעם, זיכער!
בינסט אַ פליער — איך אַ קריכער.
דיין מלוכה איז דער בינשטאָק.
מיינס נאָר בלאָטע און נאָר מיסט
וואָלט איך זיך מיט דיר פאַרגליכן,
אַז אַוואו נאָר דו דערפליסט
וועל איך גיכער נאָך דערקריכן...

זשומט די בין: פון מיינעט וועגן
קריך אַרויף כאָטש אויפן הימל.

ס'האָט געענדיקט זיך דער רעגן
און עס וואַרט אויף מיר אַ בלימל

כ'וואָלט דעם משל נאָך פאַרצויגן
נאָר עס ווינט לעם מיר אַ שכן

וואו אבין איז ניט דערפלויגן
איז דער וואָרעם שוין דערקראָכן...

אַ משל מיט אַ פראָשל

אויסגעמאָלקן אין דער פרי האָט סטעלע
ביידע קי, די רויטע און די געלע.
און די מילך, אַ האַלבן עמער
שטיין געלאָזט זיך קילן
אין דעם דעמער
פון אַ שטעלכעלע אַ קילן.

קומט צו שפּרינגען אין מײַן משל
פון אַ נאָנטן קוועלכל —
אַ גרין האפּערל, אַ פראָשל,
גלײַך אין סטעלעס שטעלכל.
האָפּסלט עס ווי אויף צו פלייסן,
אינעם בלויען דעמער,
ביז עס שפּרינגט אַרײַן אין עמער,
אינעם מילך אין ווײַסן.

וואָס זאָל זיך דאָס פראָשל קימערן,
אַז עס איז אַ גוטע שווימערין.

שווימט זי, דאַכט אַ שעה, אַ צווייטע
נעמען שוין די פיסלעך ווי טאָן.
אירע גלידער
ווערן מידער
און דער רוקן
נעמט זיך קרימען,
נאָר זי הערט ניט אויף צו שווימען
רונד אַרום און רונד אַרום.
ס׳גייען אויס די לעצטע כּוחות,
און דער ראַנד פון עמער הויך איז.

שווער די גלידער, ווי געוויכטער,
און די מילך ווערט אַלץ געדיכטער...

מער און מערער
ווערט אַלץ שווערער

זיך צו רירן און קיין כּוח איז ניטאָ.
שוין, עס שלאָגט איר לעצטע שעה,
ס׳ציט דער דנאָ איר צו זײַן תּוך.
נאָר דאָס פּראָשל גיט ניט נאָך —
נאָך אַ ווײַלע, נאָך אַ ביסל,
נאָך אַ רודער מיטן פּיסל.

און דאָס פּיסל האָט דערטאַפּט, —
ס׳האָט אַן אינדזעלע פון פּוטער
איר עקשנות אויסגעקלאַפּט.

האָט דאָס אינדזעלע דאָס פּראָשל
אויסגעלייזט פונעם פאַרגיין.
און דעם נמשל פון דעם משל
וועט איר שוין אַליין פאַרשטיין.

פשטות

אינעם גאָרטן וואַקסט אַ מאָן
אין פלאַמפייער אָנגעטאָן.
אויף אַ דינעם שטעקעלע
וויגט זיך רויט אַ גלעקעלע,
ווי אַ קיסר אויפן טראָן.

איר צופוסנס אין דער ערד,
ניט געזען און ניט דערהערט
דרעמלט אַ קאַרטאָפעלע,
אַזאַ עכטע שפּל׳ע,
ווי ניט וויסנדיק איר ווערט.

צמחים צווי, נאָר צווייערליי
כאַראַקטערן זיינען זיי:
איינס אַ דינע ריטעלע
אין א רויטער היטעלע
און דאָס צווייטס, אַז אָך און ווייּ...

שכנים, רעדט מען שטילערהייט,
מאָן, מיט אויסגעפוצטע רייד,
ווערטער אויפגעבלאָזענע
ווי די פלעווס גראָזענע,
וואָס אַ ווינטעלע צעווייט...

די קאַרטאָפל רעדט ניט פיל,
ווערטער דריי, נאָר מיט געפיל,
ווערטער קלאָרע, פשוטע,
נאָר מיט האַרץ פאַרפּראָשעטע,
ניט געמאָלן ווי אַ מיל...

אַלע אויפן בייט אַרום
גיבן כבוד אָפּ דער בלום;
אירע צווייגלעך סמ׳יקע
און די בלעטלעך פלאַמיקע
רימט מען, לויבט מען, אומעטום...

די קאַרטאָפל, פונקט פאַרקערט.
זי וואָס שפייזט אַ וועלט און נערט,

ליגט אַן איינגעטראָטענע
און אַ שטויב פֿאַרשאָטענע,
ווייל מען האָט איר אין דער ערד...

מאָדנע, ווי עס איז געַנוי
ביי די מענטשן אויך אַזוי...

כריין

אַ כריין איז ביטערער פון גאַל,
צו שטעכן זיך האָט ער אַ היתּר,
און אומעטום און איבעראַל
צעשפּרייט ער זייַנע ריזן־בלעטער.

די זונשטראַלן פֿאַרשטעלן זיי
פאַר אַלע קרייַטעכצן און גראָזן,
באַריידנדיק די בלימעלעך,
די בלימעלעך אין רויט און ראָזן:

זיי זייַנען לייַכטזיניק, ניט פרום,
די קווייטעלעך, שוין פון באַגינען,
שפילט ליבעס יעדע בליט און בלום
מיט אַלע פלאַטערלעך און בינען.

און מיטן ווינטל, שו־שו־שו,
און מען באַהאַלט זיך אינעם קאָרן...
די בלימעלעך האָבן עס דערהערט
און זייַנען ברוגזדיק געוואָרן,

און אָנגעהויבן פרעגן שטיל
דער שלאַנקער זונרויז, דער צעבליטער,
פאַר וואָס דער כריין האָט קיין געפיל,
און איז אַזוי מין גאַליק־ביטער.

די זונרויז האָט זיך צוגעהערט
און אָפּגעענטפערט מיט אַ ציטער:
— דער כריין ליגט נעבעך טיף אין דר׳ערד
דער פאַר איז אויפן האַרץ אים ביטער

שתדלנות

אין גרינעם גאָרטן אויף א בייט
צעווישן גרינס און קווייטן
געוואָרן איז אַן איבעררייד
ווי עס פּאַסירט אויף בייטן...

פאַרוואָס, פאַר ווען צעקריגט מען זיך
אַזוי, אין מיצקע־דרינען ?
פאַר קינאה, פאַרן שטאָלצן איך,
פאַר יענעם ניט פאַרגינען...

די וועלכע ליגן אין דער ערד,
דער רעטאַך, כריין, קאַרטאָפּל
פאַרביטערט זיינען און עמפּערט
פאַרוואָס מען מאַכט זיי שפל.

אָט זעט אַליין! דער פּאָמידאָר,
די זונבלום און די מירטע
זיי זיינען אַלע יעדן יאָר
געלויבטע און פרעמירטע.

נאָר די וואָס ליגן אינדערערד
אָן דופטן און קאָלירן,
צי זיינען זיי שוין גאָרניט ווערט
מען זאָל זיי אויך פּרעמירן ?

מיט זייער גוף שפּייזט זיך אַ וועלט
אין קעלערס און פּאַלאַצן.
פאַרוואָס פאַרזעט מען זיי אין פעלד,
ווו זיינען די וואָס שאַצן ?

דער געלער מער, דער זיסער מער,
דערהערט האָט זייער טאַדלען
און האָט באַשלאָסן: ער נאָר ער
דאַרף ווערן זייער שתדלן.

ער ליגט דאָך אויבעט אין דערערד

אָט ווי די שכנים זיינע
וועט ער אַוועקגיין, ווו מען הערט,
און ברענגען זייער טענה.

און ס׳איז דער געלער מער אַוועק
מיט גלויבן און מיט תמימות...
און האָט פון זיך אליין געמאַכט
אַ זייער גרויסן צימעס...

רכילות

אין אַ גאָרטן, אויף אַ בייט,
זאַט פון זון און שלאַקסן
האָבן גרינסן, שטילערהייט,
זאַפּטיק זיך צעוואַקסן.

געלע מערן, באָב און קרויט
ווייסע קאַלאַפּיאָרן,
גרינע אַרבעסלעך אין שויט,
רויטע פּאָמידאָרן,

אויך אַ זונרויז ווי אַ זון
מיט אַ קאָפּ צעשטראַלטן
און אַ ביטערער פּיעלון
אינעם גראָז באַהאַלטן.

אַלע גרינסן, גרויס און קליין,
לויבן און שטאָלצירן
מיט דער זונרויז, מיט איר חן
און דער גרויסקייט אירער.

בלויז דער ביטערער פּיעלון
קאָן איר ניט פאַרגינען,
וואָס זי זעט אויס ווי אַ זון
וואָס גייט אויף באַגינען.

ווייל אים ווילט זיך גרויס זיין אויך
און אַ גדול ווערן,
רעדט ער תמיד אינדערהויך.
מען זאָל אים דערהערן,

אויף דער זונרויז אַל דאָס שלעכטס,
וויל איר מאַכן שפּל;
און מכלומרשט, מיט אַ קרעכץ,
זאָגט ער די קאַרטאָפל:

בולבעם ליבע, זאָגט פאַרוואָס
מאַכט איר אַזאַ גדולה,
אַזאַ גדולה, ווייס איך וואָס,
פון דער זונרויז דולער?

גאָר איר שטאָם טויג פאַרן פלאָם,
אירע בלעטער, שיימעס,
וואָס מאַכט איר אַ טאַראַראַם
פון איר וואוקס? בהמות!

וואַקסן הויך איז נאָך ניט אַלץ,
גרויס ווערט אויך אַ קליינער.
וואָס איר פעלט צו הייס און קאַלטס
זאָל עס מיר דערגיין נאָר...

טאַקע, רופט זיך אָן אַ מער
מיט אַ קול, אַ זיסן:
זיין אַ "ספלעטניק"*) איז ניט שווער
כ'וויל אַז דו זאָלסט וויסן

וואָס געהערט כ'האָב איין אַליין
פונעם שאַרפן מעסער:
דער וואָס מאַכט דעם צווייטן קליין
ווערט אַליין ניט גרעסער.

*) אַ רכילות'ניק.

כבוד

אין אַ גאָרטן, אויף אַ בייט,
אונטער גרויסע, גרינע בלעטער,
אויסגעוואַקסן, גרויס און ברייט
איז אַ קירבעסל, אַ פעטער.

נאָר ניט ליב איז אים זיין בעט
און די ערד וואָס זויגט אים, כאָוועט;
אין צעוואַקסנקייט און זעט
ווילט זיך אים אויך רום און כבוד.

און דער קירבעס, דער בעלגוף,
ליגט פון אייפערזיין, אַ קראַנקער,
יעדער איינער קוקט אַרויף
צו דער זונרויז, צו דער שלאַנקער...

אַלע, שפּערל, פלאַטער, בין,
לויבן, רימען איר און שאַצן...
קאָן מען ניט אַראָפּ פון זין
און פון בלינדער קינאה פּ'אַצן?!

פרעגט ער אַלעמען: למאַי
ענטפערט מיר און זאָגט, דהיינו?
ווייעט אַ ווינטעלע פאַרביי
און עס ענטפערט דעם בעל-טענה:

קוק אַרויף און זע אַליין
וועסטו אויפהערן צו פרעגן,
יעדן איינעם, גרויס צי קליין,
טיילט די זונרויז איר פאַרמעגן

קיינעם זשאַלעוועט זי ניט,
הונגעריקע שוועלבלעך, שפּערלעך,
אויך דאָס ווינטעלע צעשיט
פאַר די שרצים אירע קערלעך...

נאָר צו דיר, רב בעל-הבית!

וואָס בינסט רייַכער, וואָס בינסט גרעסער,
אויך צו קריגן עפּעס וואָס
דאַרף מען קומען מיט אַ מעסער...

כבוד וואַקסט ניט אויפן מיסט
זאָגט אַ ווערטל פון אַמאָלן:
ווער ס׳פאַרדינט קריגט עס אומזיסט.
ווער ס׳פאַרדינט ניט, דאַרף באַצאָלן!!!

ניט פאַרגינער

אַ גינגאָלדענעם פלייץ
צעוויגט אַ ווינט באַגינען,
אַ בלאָנדן פעלד מיט ווייץ
און פונקען זון דערינען.

ביים זייַט אַ לאָנקע ווייט,
אַ בליענדיקע גרינע
זי רעדט צום פעלד די רייד
וואָס ס׳ריידן ניט פאַרגינער:

אַ קונץ צו זיין געבענטשט
מיט גינגאָלדענעם פלאַקער,
ווען פרילינג האָט אַ מענטש
איר שוואַרצערד אויפגעאַקערט

און איר מיט ווייץ פאַרזייט
און אויסגעיעט די גראָזן.
דערפאַר אין לענג און ברייט
באַוווּנדערט מען איר דאָ זייַן.

מיך האָט פאַרזייט דער ווינט
און פייגל, אין בהלות,
מיט ווילדגראָז און מיט מינט
מיט מעלווע און מיט פיאָלעס

מיין דאָליע האָט באַשערט
מיך זיין אַ פלאַץ פאַר חיות.
א פיטער־אָרט פאַר פערד,
אַ שפּילפלאַץ פאַר בוהייעס.

דאָס האָט דער ווינט דערהערט
און שטיל גענומען גלעטן
דאָס גראָז פון טוי פאַרטרערט,
די בלימעלעך פיאָלעטע.

די בלעטלעך אַלערליי

דעם לאָרבער און לאַפּוכע
און האָט געזאָגט אַזוי:
האָב לאָנקעלע מנוחה!

האָסט בלומען יעדן מין
און בינען, פלאַטערס גיכע
און נאַרד און קאָנעשין,
פאַרוואָס איז דיר ניט ניחא

דײַן אייגן האָב און גוטס
דיין אייגן בלי און גרינען,
ווײַל יענעמס ציר און פּוץ
קאָן ס׳האַרץ דיינס ניט פאַרגינען?

מיין משל איז אַ פּרווו
אַז ס׳איז די וועלט אַ גיהנום

מען האָט אַליין כל טוב
און מען פאַרגינט ניט יענעם...

אַ פּיאַלקע

די פריילין פּיאַלקע
איז שיין ווי אַ מלכּה
און שמעקט אַזוי וווּנדערלעך דין
אַזש באַלד ווי ס'נעמט פריען
איז קומען צופליען
פּאַרליבטע, דער פלאַטער און בין.

דער פלאַטער קומט שטענדיק
פּאַרפּוצט ווי א "דענדי",
די שטרייפיקע הויזן געפּרעסט,
דאַס העמדל אַ רויטע,
מיט פּינטלעך צעבלויטע
און געל ווי אַ זונבלום די וועסט.

ער קומט אָנגעפלויגן
פּאַרבלענדט אירע אויגן,
פּאַרכּישופט איר מיט זײַן קאָליר
און זי די פּיאַלקע פון בלומען די מלכּה,
זי ציטערט אַזש פון זיין באַריר.

די בין איז באַשיידן,
זי קאָן גאָרניט ריידן
זי ברומט בלויז איר ניגון און שווין,
איר מלבוש איז פּשוט
מיט בלומשטויב פּאַרפּראָשעט,
איר האָריקע העמדל איז ברוין.

זי קומט אָן אַ מידע
און זעצט זיך אַנידער
אין בלום וואָס פּאַרשיכּורט די לופט.
זי בויגט זיך אַראָפּעט
צעברומט און פּאַרסאָפּעט
און זויגט פונעם פּעסטל דעם דופט.

און ס׳ווייס ניט אַ ווּעמען
די פיאַלקע, צו נעמען,
אַוועמען צו שענקען איר האַנט?
דער בין איז אַ ליבער,
נאָר ס׳צאַפּלט אין פיבער
איר הערצל ווען ס׳קושט איר דער פראַנט.

אַ ווינטל, אַ קילער
שטעלט אָפּ זיך, אַ שטילער
און לאַכט פון דער בלום אויפן בייט:
אַ נאַרישע בלימל
איז בלוי ווי דער הימל
און שאַצט יעדן אָפּ לויט זיין קלייד...

אַ פאַרביקע ווּעסטל
און הויזן געפּרעסטע,
נאָר ס׳קליידט זיך אַ וואָרעם דערין...
אַ בין איז איינטאָניק
נאָר זיס איז דער האָניק
וואָס ס׳מאַכט פון דיין טאָניק די בין.

אומדאַנקבאַרקייט

וויגט אַ רויז זיך אויף אַ קוסט
פול מיט דאָרנשטעכערס.
וויגט אַ רויז זיך פול מיט גוסט,
פונעם ווינט געפּעכלט.

פאַרביק, דופטיק און געקרויזט,
פרעכטיק און צעפּעכערט;
קלאָגט זי זיך: אַוואָס זי הויזט
צווישן גרינע שטעכערס...

ניט זיי זייַנען אירע פרייַנד,
אויך ניט פון איר בחינה...
אוי ווי זי האָט דערנער פייַנט,
אירע שכנים גרינע!

וואָלט זי קאָנען, וואָלט זי גיין
ערגעץ אַנדערש וווינען
איז איר גורל, מיט איר חן,
דערנער גאָר באַקרוינען...

דערנער זייַנען קליין, ניט גרויס,
אָבער שאַרף און שפּיציק
ענטפערן זיי אָפּ דער רויז
שכל׳דיק און וויציק:

רייזעלע, חכמה דו!
ערלעכע פרינצעסן!
ס׳וואָלט אַן אייזל, צי אַ קו
לאַנג דיך אויפגעגעסן

ווען דו וווינסט ניט און דו בליסט
צווישן דערנער עולם...
שוויַיג, דערציייל ניט אַז דו ביסט
אויך אַ נאַר, אַ גולם.

פאַראַן ביי מענטשן אויכעט לייט,

וואָס זיי ריידן ביטער
אויף חברים ביי דער זײַט,
זייערע פאַרהיטער.

און אָנשטאָט צו זאָגן בלויז
שטיל אַ דאַנק, למשל,
ריידן זיי פונקט ווי די רויז
אָט אין דעם אָ משל...

כריין

אַז מען ליגט אין דער אַדמה,
ביטער איז אויף דער נשמה.

אַ כריין, אַ ביטערער,
וואָס מ׳זאָגט אויף אים אַ ווערטל:
״ער מעג וואַקסן שיטערער״,
איז אויפגעגאַנגען אויף אַ בייט
מיט גרינסן אַלערליי פּאַרזייט:

קירבעסן און ריבעלעך,
בוריקעס און ציבעלעך,
אַרבעסלעך אין לאָקנס;
קרויטן ברייט־צעבלעטערטע,
אויך אַרויפגעקלעטערטע,
בעבעלעך אויף פלאָקנס;
ווי די יצר־הרעלעך
רויטע פּאָמידאָרעלעך,
אייער־פּרוכטן בלויע,
שלאַנקע געלע מערעלעך,
זונבלומען מיט קערעלעך —
אַלע יפת־תוארס.

וואַרעמט זיי די זון מיט פלאַמען,
זייגט די ערד זיי אָן מיט טעמען
און מיט פרישע זאַפטן.
גלעט דער ווינט די יפיפיהס,
וואַשט אַ טוי זיי אין דער פרי אויס
אויפן בייט פּאַרגאַפטן.

בלויז דער כריין ביַי זיך אין גריבל
האָט אויף אַלעמען פּאַראיבל
און געפינט חסרונות:
דער האָט ווערעם
אין געדערעם;

דער האָט שוואַרצן
פויל אין האַרצן;
די באַרעדט די שכנות...

ביז אַ געלע מערעלע
האָט געזאָגט אים: הערעלע!
כ'האָב געקלערט אין ציטער
אַז דערפאַר, וואָס ליגסט אין דר'ערד,
ביסטו אַזוי ביטער.

איצטער, ליבער שכן כריין,
טראַכט איך פונקט פאַרקערט, —
ווײַל ביסט ביטער
אָט אַזוי,
פול מיט קריטער,
אָך און ווײ,
ליגסטו
טיף
אין דר'ערד.

קרויט

דאָס הייפּטל קריט איז זייער שטאָלץ:
אַזאַ מין קאָפּ! אַ דאַנק דעם בורא.
מען זאָגט, וואָס גרעסער ס׳איז דער קאָפּ,
אַלץ מער איז דאָרט פאַראַנען תורה.

דערפאַר נוצט זי אַ הויכע שפּראַך
מיט גרויסע ווערטער און רמזים.
און ס׳ברעכן זיך די ציין אויף דעם
די שכנים גרינסן, שכנים גראָזן.

נאָר שווייַגן שווייַגט מען שטילערהייט,
אַ וואָרט צו זאָגן האָט מען מורא;
ווער וויל עס זאָגן בקול רם,
אַז ער פאַרשטייט ניט סתרי תורה?

ביז האַרבסט געקומען איז צו גיין
אַ יידענע און אָן אַ היתר
האָט זי גענומען פונעם קרויט
אַראָפּרייַסן די גרויסע בלעטער.

זי האָט געריסן בלאַט נאָך בלאַט,
צעברעקלט זיי און זיי צענומען,
און האָט אין קעפּל קרויט קיין פּשט,
קיין גרויסע סודות ניט געפונען.

קיין זאַך איז דאָרטן ניט פאַראַן,
נאָר בלעטער, בלעטער, אַלטע שמות.
און טיף, אין האַרצן אַ קאַטשאַן,
וואָס עס פאַרדייען נאַר בהמות.

מייַן נמשל האָב איך צוגעגרייט
פאַר די, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען —
אין גרויסע, בלעטערדיקע רייד
באַהאַלטן אָפט זיך די קאַטשאַנען.

זיס און זויער

האָט דער זומער אָפּגעגרינט
מיט זון און זעט און זוימען.

אָפּגעשאָטן האָט אַ ווינט
פון בוים די רייפע פלוימען;

בלויז איין פלײַמל קוקט אַראָפּ
פון אַ צווייגל, אויבן,
לאַכט זי פון די פלוימען אָפּ
אויף דער ערד, אין שטויבן:

זעט נאָר, ווי קוקט דאָרט אויס,
אַ רחמנות כ׳לעבן!
ווער האָט אייך אַ בייזע אויג
פלוימען־לייט געגעבן!?

פנימלעך צעקנייטשט, אין שוים,
אין די לייבער שפּאַלטן,
ניט אומזיסט האָט אײַך דער בוים
ניט געוואָלט מער האַלטן...

איך אַליין בין יונג און שיין,
מיינע בעקלעך גלאַנצן
און איך וויג זיך איינאַליין
אויף אַ בוים, אַ גאַנצן.

פון דער זונשײַן אויפן וויג
ווער איך בגילופין...
אונטן, פלוימען קלייבנדיק,
האָט זיך אָנגערופן

משה־בער דער גערטענער:
זיי ניט קיין גענאַרטע!
פלוימען גרינע זיינען, הער!
זויערע און האַרטע...

פלוימען רייפע, אויף געוויס,

האָבן קנייטשן טאַקע
נאָר דערפאַר זיינען זיי זיס
זאַפטיקע, געשמאַקע...

וואָס האָב איך געוואָלט אייַך זאָגן
מיטן קליינעם משל?
לויטן אויסזען טאָר מען ניט
קיינעם מאַכן פּסול...

ווייל אַ זיסער פּנימל און אַ בליק אַ בלויער
קאָן אויך ווי אַ גרינע פלוים,
זיין ווי עסיק זויער.

פּירות

אויפּצונעמען געסט,
האָט אַ בעל־הבית׳טע צוגעגרייט אַ טיש
פון אַלדאָס בעסט.
אויפן טישטוך דעם צעשפּרייטן
ווײַס ווי שניי,
צווישן אַ געמיש פון קווייטן,
פּירות אַלערליי
געבראַכט פון זוניקע מדינות;
אַפּעלסינען, מאַנדאַרינען גאָלדיק־געלע,
אָנגעהויפנטע אויף טעלער
קאָפּ צו קעפּל
קאַרשן — רויט ווי בלוט
און באַרן, עפּל.
ווי אין אָנהויב אָוונט בלוטיקע לבנות, —
אויפגעשניטענע קאַוואָנעס
אָנגעפּינטלט מיט לאַקירטע זוימען.
און באַם ענדע טיש אין שכנות
ניס און פלוימען.
פלוימען קאָנטיק פון דעם בעסטן מין.
דורכזיכטיקע געלע, ווי קאַרעלן
פון בורשטין,
אויף די בעקלעך נאָך פון טוי דער רייץ,
פון זון דער פלאַקער,
טוליעט מען זיך איינס צו צווייטס
מען לאַכט פון קנאַקער;

ניט געפונען ווען אין די אָרעמס נעמען
נאָר אַ נוס. —
אַ גענוס!...
קוקט אַרום ווי אַלע שטוינען!...
פון אַ טיש ״קאַנאָרע ניט״ פאַרשווינען
איינס אין איינס...
דווקא אויסקלייבן אַ ניסל אַ ניט שיינס
וואָסי, ניס זיינען געשמאַקער?

כאַ, כאַ, כאַ, און הייסט נאָך קנאַקער!...
קרישלט אינעם קנאַקערס אָרעם זיך אַ ניסל,
אַ פֿאַרדאַרטס.
פּנים זאָגט עס; איז נאָר שאָלעכץ פון אַ האַרץ.
קלויבערס זיינען אויף דער וועלט דאָ
זייער פיל,
יעדער נעמט נאָר וואָס ס׳געפעלט אים,
וואָס ער וויל.
איינער זוכט אַ זיסן פּנים מיט אַ חנ׳דל
מעג אָנשטאָט אַ האַרץ אַפילו זיין אַ ביינדל.
און דער צווייטער גיי דערמאָן אים
שיינס און צאַרטס,
אַז ער זוכט גאָרניט דאָס פּנים, —
נאָר דאָס האַרץ!...

פּאַריז, 1948

דער אייביקער קרייז

אַ קנאָספּעלע, אַ פּיצעלע,
אין אַ גרינער מיצעלע,
וויגט זיך אינעם רעגן,
מיינט עס: אַלץ אין גערטעלע
בליט אין יעדעס ערטעלע
נאָר פון זיינעט וועגן...

טיף אין זיין באַהעלטעניש
פורעמט זיך אַ וועלטעניש
וואָס נעמט וואַקסן, ווערן,
פול מיט בלאַט און בליטעלעך
ראָז קאָלירטע צוויטעלעך
און אַ פלוימען קערן.

ציט עס זיך צום הויכעניש
אַלץ וואָס אין זיין תוכן איז
זאָל זיך העכער הויבן.
העכער העכער, העכער הויך
איבער אַלע דעכער, אויך
איבער אַלע שטויבן.

הענגט אַראָפּ פון צווייג און בוים
פול מיט זאַפט אַ רייפע פלוים,
פול מיט שוים פון שטראַלן,
רייַף און צייטיק איז עס שוין
בלוי פון נעכט, פון זונשייַן ברוין,
וואַרט עס אויפן פאַלן.

וואו אַראָפּ אַראָפּ צום טיף,
צו דעם סודות׳דיקן מיף,
צו דער נאכט לעגענדע
וואו דער קנאָספּ, אין שטערנשייַן,
זעט דעם אָנהויב פון זיין זיין
און די פלוים — איר ענדע.

אַ בלימעלע

פרילינג,
הימלבלוי
און גרין,

זון אין אַלע שויבן.
קושט אַ בלימעלע, אַ בין,
זאַמלט אירע שטויבן;

קוועלט דאָס בלימל נאַס פון טוי,
רעדט אַ גליקלעכע אַזוי:

ווער וואָלט זיך עס גלויבן
אַז די בין פון גין און גאָלד
האָט נאָר מיך די נעלקע האָלט,
זעט נאָר ווי זי קושט מיך!

איך בין שענער מן־הסתם
זיסער אויכעט איז מיין טעם
רעדט זי אַ צעחושטע.

לאַכט אַ פוכבלימל: כאַ, כאַ!
אוי אַ נאַריש קווייט אַזאַ,
רימט זיך מיט איר טאָניק.

בינען פליען אומעטום
זוכן דופט, ווייל פון איין בלום
מאַכט מען ניט קיין האָניק.

קינאה

רייזל, רייזעלע פון גאָרטן,
האָט אַ הערצעלע פון גאָלד.
פלאַטערלעך פון אַלע סאָרטן,
האָבן רייזלען זייער האָלט.

יעדער פליערל און פלאַטער
פליט פון רויז אַוועק, אַ זאַטער,
ווייל דער כיבוד, וואָס זי שטעלט,
האָט אַ שם אויף גאָר דער וועלט:

האָניק־קוכן, יש און יין,
צו פאַרזוכן און פאַרדייען,
מיט גערוכן וואָס פאַרשמעקן,
מיט אַ טעם זיך צו באַלעקן.

אויף דאָס ווינטעלע, אַ גרינגער,
קומט צוגאַסט צו רייזלען אָפט,
גלעט איר ־מיט פאַרליבטע פינגער,
קושט בסוד איר, ווען זי שלאָפט.

אַלע בינען רימען, דאַנקען,
לויבן רייזלען טריי און הייס.
בלויז די קראָפּעווע, ביים פלאַנקען,
רעדט אויף רויזן אַלדאָס בייז:

ליבעס פירט זי, שטילע קושן,
אָן אַ חופה, אָן קדושין,
פּאַסט עס פאַר דער בלום פון בלומען,
פאַר דעם גאָרטן, פאַר דעם פרומען?

קומט דאָס ווינטל און ער גיסט
זיין פאַרדראָס אויס, אין באַגינען:
שינאה קריגט מען פאַר אומזיסט,
ליבשאַפט דאַרף מען זיך פאַרדינען...

אַ רחמנות איז, ביים פּלויט,
אויף די קראָפּעווע, די גרינע,
מיאוס איז זי ווי דער טויט,
שטעכט זי אַלעמען פון קינאה.

##ביימער

אין מאַיאָנטעק, ביי דעם פּריצ׳ל איוואַנען,
שטייט אַ סאָד אַרומגערינגלט מיט קאַשטאַנען
און מיט ליפּעם און מיט אָלכעס,
און מיט פּירות ניט געזען אַזעלכעס.

ס׳האָט דער פּריצ׳ל פאַרשטאַנען
און אַרומגעפלאַנצט זיין סאָד
אַ ראָד
פון קליאָנעס און פון טאַנען,
זיי זאָלן פון קעלט און היצן
זיין באַרימטן סאָד באַשיצן.

שטייען בוימער הויך און קרעמפּ,
ווי אַ וועבטער־ריי וואָס היטן
און צעווישן זיי אַ דעמב
שטייט אין מיטן אַ געקרויזטער.

שטייט ער רוישט ער
מיט די בלעטער,
צו אַ נאָנטן באַרבוים רעדט ער:

אויף מיין גורל נאָר צו וויינען...
מיינע אָבות אבותינו
זיינען אין די וועלדער האַרן,
די קיסרים פון די ביימער.

דאָ באַדאַרף איך זיין אַ שומר,
היטן
שנייען זאָלן ניט פאַרשיטן,
זאַמדן זאָלן ניט פאַרדאַרן
וועמען?
עפּלביימלעך, באַרן...

ביז מיין קני דערגרייכט דאָך יעדער,
ווער האָט אויסגעטראַכט די סעדער
האַ?

ששאַ!
פּליסטערט אָפּ דער באַרבוים: כ׳וועל דיר
ענטפערן אַ וואָרט, אַ קלוגס;
אין די וויסטע ווילדע וועלדער
שאַצט מעןביימער לויטן וואוקס.
דאָרטן. אָבער אין אַ גאָרטן,
אַ געצוכטן,
שאַצט מען ביימער לויט די פּרוכטן.

*

א ביימעלע

אַרומגעשניטן האָט אַ סעדער
אַביימל אין זיין גאַנצער גרויס.
איצט שטייט און וואונדערט זיך אַיעדער:
ווי שיין דאָס ביימעלע זעט אויס!

זיין יעדעס צווייַגל, יעדעס בלעטל
איז רונד פאַרשאָרן, נעט און ניי,
ווי ס׳וואָלט אַ מויד, אין אַ בערעטל,
אַרויס אָקאָרשט פון שערעריי

און זיך אַוועקגעשטעלט אין סעדל
פאַרפּוצט אין פרילינגדיקן גרין,
נאַט זעט און וואונדערט זיך, אין רעדל
ווי שיין און חנ׳עוודיק איך בין...

נאָר אין דעם ביימל יעדעס בלעטל
איז אויפגעצאַפּלט ביזן גרונט;
זייַן יעדעס אָפּגעשניטן בלעטל
איז אויף זיין לייב אַ פרישע וווּנד.

און ס׳ווייטיקט אים דאָס האַרץ נאָך מערער,
וואָס יעדער אַרום אים, געגענט
און רימט זיין פייניקער, דעם שערער
און אויך די שער אין זיינע הענט...

עפּל

אויפֿן עפּלבוים בײַם פּלויט
וואַקסן עפּל געל און רויט.
אָפּגערויזיקט פֿון דער שקיעה,
אָנגעזאַפּט מיט טויען פֿריע,
הענגען זיי אויף גרינע צווײַגן —
פּעסעלעך מיט ווײַן — און שווײַגן.

אין דער הייך, לעם סאַמע קרוין,
שײַנט אַן עפּל — אַ פּאַרשוין,
אין דער בלעטער־נעץ נתגלה.
גרעסער, פּאַרביקער פֿון אַלע,
בלינצלט ער פֿול זון און זאַפֿט.

קומט אַ ווינטל און ער גאַפֿט
אויפֿן עפּלבוימס בן־יקיר:
— אַזאַ עפּל אַ געשמאַקער,
קוקן איז אויף אים אַ תּענוג!
ס׳איז זײַן האַרץ אויך זיס און ווײַניק
אויף געוויס,
אויף זיכער — רעדט ער.

פֿליסטערן די גרינע בלעטער
אָט אַזוינע מאמרים:
— ס׳איז דער עפּל שיין און גרויס,
נאָר אין האַרץ זײַנס ווינט אַ וואָרעם,
און זײַן פּנים זאָגט ניט אויס.

נאָר די ווינטעלער, נאַראָנים,
פּרוּוון שאַצן לויטן פּנים.
אָבער קלוגע, צו דעשיפֿער,
קוקן אין די אויגן טיפֿער.

טאָראָנטאָ, 6טן אָקט. 1969

אַ קאַקטוסל

ס׳האָט ווער געקויפט אַ קאַקטוסל
מיט שטעכלקעס אינגאַנצן
און האָט אים שטיל אַוועקגעשטעלט
צעווישן אַלע פלאַנצן.

נאָר ס׳איז דער קאַקטוס שטעכעדיק,
אַ קינד פון מדבר־גיהנום
און זיינע דערנער שוינען ניט
ניט זיך און אויך ניט יענעם.

ניט צוצורירן זיך צו אים,
אַ גלעט טאָן אים ניט טאָרן,
ווייל גלייך דערפילט מען אינעם לייב
זיין שטעכעדיקן צאָרן...

ווי קאָן מען אַזאַ ווילדן פלאַנץ
אין בלומען־קרייז פאַרטראָגן?
און ס׳איז אַוועק צום בעלהבית
אַן אַסטרע זיך באַקלאָגן...

דער בעלהבית האָט אויסגעהערט
און אויפגעקנייטשט די ברעמען;
און אָנגעהויבן מוסר׳ן
די אַסטרע, זי פאַרשעמען:

צי ווייס זי ניט אַז מען האָט ערשט,
פון מדברלאַנד, דעם זיסן,
דעם בידנעם קאַקטוסל פון זאַמד
מיט כח אויסגעריסן.

אין הייסן זאַמד און ווירבלווינט,
אין דורשט און שרפה־היצן,
באַדאַרף מען האָבן שטעכלקעס
דאָס לעבן צו באַשיצן.

אַ יעדע זאַך דאַרף האָבן צייט,

ער׳ט זײַן מיט זיי אינאײנעם,
ט׳ער אויפהערן צו שרעקן זיך
פֿאַר פרעמדע און פֿאַר שכנים

און ווי אַרויסגעשלעפּט די צייט
האָט אים פון לאַנד דעם שוואַרצן,
וועט אויך די צייט אַרויסשלעפן
די דערנער פון זיין האַרצן.

וואָרצלען

עפּלבוים צעפּלבוים,
רווישנדיקער פּרעפּלבוים!
ריידן צו דעם שטאָם די צווייגן
אָפּגעשאָטענע מיט צוויט:

ס'וועט דער פרילינג באַלד פאַרבייגיין
ווי אַ שאָטן וואָס פאַרפליט,
דאַרפסטו בוים פאַר אונדז מער דאַגה'ן,
היטן אונדז פון שטורעמווינט,

ער דער שלעבטס, זאָל ניט צעשיטן
אונדזערע ניט רייפע בליטן,
איידער אונדזער קנאָסף באַגינט.
ווייל פון קנאָספּן ווערן פּירות

און אין פּירות לעבן דורות,
צוקונפטיקע דורות בוים!
וואָס זשע זאָרגסטו פאַרן וואָרצל,
אים דיין אויג אין קאָפּ, דיין גאָר ציל,
מער פון אונדז, דיין ציר און זוים?

טוט אַ קרעבץ דער בוים דער אַלטער
און ער ענטפערט אָפּ דעם צווייג:
קלאָגסט זיך נאָך, דו צווייג צעשטראַלטער,
בעסער טו אַ טראַכט און שווייג!

אָן די וואָרצלען, זאָלסטו וויסן,
וואָלט שוין לאַנג אונדז אויסגעריסן
פון דער ערד דער שטורעמווינט
און אָן וואָרצלדיקע מיען
וואָלטן מיר ניט קאָנען בליען
און אַפילו ניט געגרינט

ווייל דער וואָרצל איז דער עיקר
פאַרן שטאָם און פאַר זיין האַפּט.
ער איז דער וואָס מאַכט אונדז שיכור

פרילינג מיט זײַן פרישן זאַפט

דו וואָס קלעטערסט אויפן פלאַנקען
ווינט צעוויגט און זון פאַרגאַפּט,
ווילסט אַפילו ניט באַדאַנקען
די פון וועם איר זויגט דעם זאַפט

זיי וואָס זוכן ניט קיין יחוס
ניט קיין לויב און ניט קיין ווערט.
זיי וואָס טוען זייער שליחות
טיף פאַרגראָבן אין דער ערד...

קליין און גרויס

אַ קליינער קוסט מיט טייאַגדעס באַשאָטן,
וואָס איז געוואַקסן אינעם גרויסן שאָטן
פון אַ קליאָן, אַ גרויסן און אַ ברייטן,
האָט ניט פאַרגונען אים זײַן ווּקס צעווייטן:

ווען ער פאַרמאָגט וואָלט אויך
אַזוינע צווײַגן
וואָלט ער וויגן ניט זיך אין הויך
און שווייַגן,
אַ פאַרזונקענער אין דרימל.
ער וואָלט שטײַגן, שטײַגן, שטײַגן
ביז דערגרייכט וואָלט ער דעם הימל...

דער קליאָן
צעבלעטערט און צעגרינט
האָט זיך אַ בייג געטאָן
אין שמועס מיטן ווינט:

געהערט
דעם גרויסן חלום פון אַ קוסטל בײַ דער ערד?
ער מיינט ס׳איז לײַכט אין הייכן
זיך וויגן און דעם הימל ניט דערגרייכן...

באַרימערס

אַ ווינטעלע האָט מיר דערציילט,
אַ ווינטל אַ בעל־העזה,
ווי נעבכטן האָט ער זיך פאַרווײלט
אין וואַלד מיט אַ בעריאָזע:
אַפריער האָט ער אויסגעגלעט
די בלעטלעך אירע ראָזע
און אויף איר ברוסט ט׳ער שפּעטער
אירע גרינע האָר צעלאָזן.

און פייפנדיק אין אויער איר
מעלאָדיעס צאַרטע, באַנגע,
האָט ער, אין שטערן־שעמעריר,
צעוויגט איר אין אַ טאַנגאָ.
ער קאָן די קונצן פון ראָמאַנס,
דעם סוד פון ציטער זיסן...
זיך דרייענדיק מיט איר, אין טראַנס,
האָט זיך איר קלייד פאַרריסן...

אוי סאַראַ פּיסלעך, סאַראַ פּיס,
געשניצטע און געטאָקטע...
אַראָפּגעלאָזן האָט זי זיס
איר קעפּל דאָס געלאָקטע
און זיך געשעמט פאַר זיינע הענט,
וואָס האָבן לייכט און גרינגער
געגלעט איר לײַב, וואָס האָט געברענט,
מיט זוכנדיקע פינגערס...

אוי ווינטעלע, דו רעדסט פון היץ!
מען דאַרף דיך אויפן הוילן
אַריינצימבלען אַ בינטל שמיץ
פאַר בלאָפן און דערציילן.
ווי פּאַסט עס פאַר אַ יונגנמאַן
אַזוי צו איבערקרימען...
אַפריער פירן אַ ראָמאַן
און שפּעטער זיך באַרימען!

אַ ווינט וואָס ווייס ניט פון קיין סוד,
מען דאַרף, מיט אַ ירגזון,
אַרויסטרייבן פון וואַלד און סאָד
ער זאָל ניט קאָנען בלאָזן.
ער זאָל ניט וועלן, גלאַט אַזוי
בעריאָזקעלעך פאַרפירן,
אַפּריער גלעטן, קושן זיי
און שפּעטער זיי בלאַמירן...

ניט נאָר פּאַר ווינטלעך אָנגעדייט
ז׳דער משל, דעס אינטימער,
נאָר אויך פּאַר פּוסטע יונגעלייט,
פּאַר פלוישערס און באַרימערס.

פֿאַרבן

האַרבסט דער מאָלער
קומט מיט זיין פּאַלעטער,
אָפּצופֿאַרבן
פֿאַרן שטאַרבן
אַלע בלעטער.

שטייט אַ קליאָן און ברענט
אין פֿאַרבן מישענינע:
בלעטער רויטע,
בלעטער געלע,
בלעטער גרינע.

און די בלעטער אָפּגעשיידטע
אין קאָלירן,
קריגן זיך שוין
איידער זיי פֿאַרפֿרירן:

רויטע בלעטער האָבן פֿיינט די געלע
תכלית שינאה
געלע בלעטער שפּאָטן פֿון די גרינע

און די גרינע, נאָך אין זייער
אַלטער סביבה,
פֿרעגן איינס די אַנדערע
נאַיווע:

וואָס איז פֿאַראַ סם
פֿאַראַן אין פֿאַרבן?
אַז זיי האַסן זיך
אפילו פֿאַרן שטאַרבן.

גאַנדז און וואָראָביי

ערב פרילינג אויפן שמעלצעדיקן שניי
אין הויפל, איז געקומען פיקן,
אַ הונגעריקער וואָראָביי,
דאָס הערצל, דאָס פאַר׳חלש׳טע דערקוויקן.

וואָס דאַרף אַ פיצל וואָראָביי
אין ווינטער־טאָג אין קאַלטן?
קערנער צוויי
דאָס בידנע נפש׳ל דערהאַלטן...
עס איז געוויס ניט קלוג און שרעקלעך
צו קומען אויפן ברוק נאָך ברעקלעך,
וואו קינדער שפרייטן אָפּט אַ נעץ
און וואו עס לויערן
פון הינטער טויערן
באַהאַלטן הינט און קעץ.

נאָר ווער ס׳איז דאַר
פאַרגעסט געפאַר!...
און אונדזער וואָראָביי,
איז צו כמעט ווי ביזן טרעפּל.
אַ דריי אַהין און הער דאָס קעפּל.
אַ שפּרונג, אַ טאַנץ,
און שוין ער האָט שוין וואָס אין שנעבל...
נאָר פון דער זייט האָט עס דערזען
אַ פעטע גאַנדז
און זיך געטאָן צו אים אַ לאָז
מיט פּעך און שוועבל;

גא־גא־גא־גנב וואָראָביי!
איז זי אַרויס מיט אַ געשריי
און אַ געקלאָג.
אין מיטן העלן טאָג
געקומען
און פון מיין מויל אַ האָבער צוגענומען!
שוין אומעטום זיינען די שלעפּער פול!

צו קומען אין מיין גבול
אַרויסרייסן פון מויל דעם ביסן..
וואַרט כ׳וועל זאָגן עס דעם בעל־הבית ר׳ ניסן
וועסטו ניט אומפליען שוין פראַנק און פריי...
״און שוין פון דאַך האָט אָפּגעענטפערט איר אַ פּישטשעריי;

אוודאי ווייס איך
אַז ס׳איז דיינע אַלץ!..
נאָר באַלד אויף פּסח
וועט מען קוילען דיר אויף שמאַלץ..
טאָ וואָס זשע זשאַלעווען אַ האָבער פאַר אַ וואָראָרבייי?..

באַ מענטשן איז עס אויך אַזוי..
אויף בייכער פּלאַצן אַזש די רעקלעך,
נאָר קומט אונטערן טיש אן אָרימאַן נאָך ברעקלעך
הויבט מען, ווי די גאַנדז אויף אַ געשריי!...

שוואַלב און אינדיק

מיט אַלע פרילינג־געסט,
איז אויפן הויף געקומען, —
אַ שוועלבל אין אַ ווייסער וועסט.
און בויען זיך גענומען
אויפן דאַך פון אַלטן שטאַל
אַ נעסט.

אַ האַלבן טאָג נאָך מאַטעריאַל
איז זי אַרומגעפלויגן מיט געאייל
נאָך שטרוי, נאָך פוך
און נאָך אַ פאָדעם טוך. —
זי דאַרף אַליין אַ יעדע זאַך טאָן...
און מיטיקצייט האָט זי זיך צוגעזעצט אַ ווייל,
זיך אָפּרוען און אויך דעם הויף באַטראַכטן...

זי ווערט אַ שכנה דאָ פון היינט
דאַרף מען חברים צוקלייבן זיך, פריינט,
באַקאָנען זיך מיט שכנים.
און פון דער הויך פון שינדל־דאַך
האָט זי צו זיך אויף שוועלבל־שפּראַך
גענומען שאַצן יעדן איינעם;

דער האָן פון אייביק אָן
אַ טומלער און אַ קרייער.
זיין פריינטשאַפט איז ניט ווערט קיין צווייער...
אַ שלעגער־יונג אַ בראַוער
ער שלאָגט זיין פרוי
מכּל שכּן אַ חבר.

די הינער, פוי!
באַרימער!
מען לייגט אַן איי,
איז אַ געשריי
שוין אויפן גאַנצן צימער.
דערצו באַרעדט מען יעדן איינעם...

אַנטלויפן מוז מען פון אַזוינע שכנים!...

פון ערשטן קוק
דערקאָנט מען גלייך אַ מרוק —
די ענטל!
די גאַנדז אַ פוצערן, אַ פעטע ייִנגטל!
אַ גוטן פריינט,

איז שווער זיך צוצוקלייבן היינט,
נייע פריינטשאַפט ראָסט זיך!
נאָר ווער
איז יענער הער
וואָס שטייט און בלאָזט זיך?

אַ פיינער עוף!
מסתם אַ פילאָזאָף,
אַ דענקער פול מיט וויסן, אַ באַרימטער מאַן!
מען זעט עס אָן זיין גדלות׳דיקן שפּאַן...
מיט אים לוינט זיך באַקאַנטשאַפט שליסן!

און איילנדיק, געשווינדיק,
האָט זיך די שוואַלב אַ לאָז געטאָן צום אינדיק
מיט אַ שלום.
און אָנגעהויבן רימען אויפן קול אים;
געערטער!
איך האָב גאָרניט קיין ווערטער
אויסצודריקן אייך מיין פרייד, —
וואָס כ׳ווער דאָ אייערע אַ שכנה.
צעווישן אַלע לייט געמיינע
אָנטרעפן אַזאַ, ווי איר, מיט וועם
מעט קאָנען בייטן אַ פּאָר קלוגע רייד,
איז בלויז אַ גליק!

איך קום גראָד היינט צוריק
פון לענדער ווייטע צען.
כ׳האָב פיל געזען
און אויסגעלערנט זיך דערקאָנען צווישן עבט

און שלעכט.
דעריבער שלום דיר!...
און שלום נאָכאַמאָל דיר!...
"האָלדיר־באָלדיר! האָלדיר־באָלדיר;
האָט אַ וואָרף געטאָן דער אינדיק מיטן גוידער.
און פיל מיט שוידער

האָט די שוואַלב זיך אָפּגעטראָגן בחפזון.
און שוין באַ זיך אין חדר
זיך געטאָן אַ נדר;
מער ניט שאַצן קיינעם
לויטן גדלען זיך און בלאָזן!...

פּאַריז, 1948



רעקלאַמעס.

גרינט אַ קיבוץ לעם כנרת,
וועלכער שפּיגלט זיך אין זון.
שווימט אַ קאַטשקע אום אין טשערעט,
וואַרעמט זיך אין זאַמד, אַ הון.
און דעם שמועס צווישןביידן
טראָגט אַ שטילער ווינטל אום...
לאָמיר הערן וואָס זיי ריידן:

רעדט די קאַטשקע: כ'בעט דיך זייער
ליבע הינדל, טו דערקלער!
וואָס די הינערישע אייער
זיינען אַזוי פּאָפּולער?

יעדע מאַמע טוט זיי קויפן
אומעטום, אין יעדעס לאַנד,
פרעגלט זיי אויף יעדער אופן,
מיינע נעמט מען ניט אין האַנט...

כאָטש זיי זיינען פּונקט ווי דיינע,
מיט א ווייסל און אַ געלכל.
כאָטש איך לייג זיי אויס, דהיינו,
אויפן היי אין זעלבן שטעלכל.

פּונקט ווי דיינע זיינען מיינע
און נאָך גרעסער איז מיין איי;
לייג איך אויס פּאַר דיר מיין טענה:

פֿאַרוואָס קויפֿט ניט קיינער זיי?

שמייכלט הינדע יענטל
און זי פֿרעגט אַזוי:
וואָס זשע טוסטו ענטל
איידער לייגסט דיין איי?

וואָס זשע טו איך, כ׳זעץ מיך
אויף אַ בינטל היי,
כ׳זעץ מיך און איך קוועטש מיך
ביז איך לייג אַן איי.

און וואָס טוסטו נאָכדעם
טוט די הון אַ פֿרעג:
כ׳שטעל זיך און איך גיי זיך
שטילערהייט אַוועק.

ענטעלע קאַסאָקע
מיטן ברייטן נאָז!
לאַכט די געלע קוואָקע;
שווייגסט און פֿרעגסט פֿאַרוואָס?

איך אַז כ׳דאַרף מיך לייגן
זעץ איך זיך ניט פֿויל,
איך פֿאַרמאַך די אויגן,
עפֿן אויף דאָס מויל:

קאָ קאָ, קאָקאָ, קאָקאָ!
מאַך איך אַ געשריי:
איך, די געלע קוואָקע,
לייגן גיי אַן איי...

נאָכדעם שוין, אַ מילדע,
אַז איך הויב זיך אויף
מאַך איך אַ געפּילדער
אויפֿן גאַנצן הויף.

קאָקאָ, אַלע מאַמעס
הערן מײַן געשריי...

אַז איך מאַך רעקלאַמעס
קויפֿן זיי מײַן איי!

פייגל

אויף אַ שטילער טרילערשפּראַך
זינגט אַ פויגל אויפן דאַך,
פון לבנה־שיין און שטערן
און פון זון, וואָס בלוטיקט אָפּ
פונעם פעלזנבאַרג דעם קאָפּ,
איידער ס׳נעמט פאַרלאָשן ווערן,

קלייבן אונטן זיך צונויף
אַלע איינוואוינערס פון הויף,
אינדיק, ענטל, האָן און הון
אויף די קאַץ די גראָע.
זיצט מען אין דער פרילינג־זון
און מען האָט הנאה
פונעם פייגלשן געזאַנג
אינעם רויטן זונפאַרגאַנג.

זעט דער פויגל אַז מען הערט
נעמט ער זינגען העכער,
פון די וואָלקנדיקע בערד,
וואָס דער ווינט דער פרעכער
רייסט פון כמאַרעס אָפּ ווי וואָל...

נאָר פון אינדערנידער
בעט זיך עמיצנס אַ קול:
זינג פון אונדזער מאַמע־ערד,
שענק איר אַ פּאָר לידער!

הערט דער פויגל אויף זיין ליד
און ער לאַכט פון ציבור:
פון קיין שטיינער זינג איך ניט
ניט פון ליים און גריבער,
אפשר זינגען אַייך פון פערד
וועלכע לאָזן אויף דער ערד
זייער אָפּפאַל איבער?

הערט דער עולם אַזאַ שפּראַך

איז ער ניט געוואָרן.

איז דער פויגל אויפן דאַך
הונגעריק געוואָרן,
איז ער גלייך אַראָפּ אויף דר'ערד
צו דעם אָפּפאַל פון די פערד.

אַ הענדל

בײַ דער קוואָקע מיסעס גנענדל
ווערן ווונדערס אַלערליי.
אויסגעפּיקט האָט זיך אַ הענדל
פון אַ גינגאָלדענער איי.

איַי, אַ הענדל, אַן אַנטיקל!
ניט אַ פּראָסטער הענדל סתם,
מיט אַ שנעבעלע פון ניקל,
מיט אַ קעמל, פּייערפלאַם!

הייַנט די פּעדערן, די בונטע,
וואָס זיי גלימערן אין שיַין.
איַי, אַ הענדל, אַ געזונט אים
אין די ביינדעלעך אַריַין!

און אַ שטימעלע, אַ קולכל —
אַלץ האָט זיך צונויפגעפּאָרט.
קענטיק, ס׳וויַיסל און דאָס געלכל
איז געווען ״פּערווי סאָרט״.

איז גענענדל שטאָלץ אַוודאי,
און פון נחת ווערט זי ברייט.
יעדער איינער אין קאַנאַדע
הערן מוז, ווי ס׳הענדל קרייט.

אַלע, אַלע פריַינד און שכנים,
ווער נאָר ס׳קומט אין הויף אַריַין,
שאָקלען מיט די קעפּ אין איינעם:
״זייער שיין! אָ, זייער פיַין!״

ביז צו מיר איז זי, גענענדל
מיט אַ פּלאַן געקומען, הערט!
פאַר איר קרייערל, דאָס הענדל
זאָל איך מאַכן אַ קאָנצערט.

כ׳האָב געזאָגט איר: — ליבע שוועסטער,
הער זיך איַינעט און פאַרשטיי,
אַז דער שענסטער האָן, דער בעסטער
איז נאָך ניט קיין סאָלאָוויי.

לאָז דיַין הענדל וועקן, קרייען
אויפן פלויט און אויפן דאַך.
זינגען לאָז די סאָלאָווייען,
וויַיל געזאַנג איז זייער פאַך...

בייז אויף מיר איז איצט די קוואָקע
און זי זאָגט צו מיר מיט וויי:
— פרצל, ביסט ניט קיין בקי
אויף דעם הענערשן געקריי!

ענטפער איך: — זאָל זיַין אַזוי...

עופות

ביי הינדעלען, דער קוואָקע,
אַן אומגליק איז געשען:
איין הענדל אויסגעזעסן
איז זי פון אייער צען
און ס׳איז דער האָן, אַ שטומער,
ער קאָן ניט טאָן איין קריי,
גייט אום די הון פאַראומערט
אַז אָך איז איר און וויי!

דער גאַנצער הויף מיט עופות
איז מיט דער הון פאַרטאָן;
אַ יעדער בעט: אַ מופת
געשען זאָל מיטן האָן,
נאָר גאָט ווינט הינטער שטערן,
אין הימלען פון בורשטין
און הינערישע טרערן
דערגרייכן ניט אַהין.

איז האָט דער הויף באַשלאָסן
אַליין כאָטש וואָס צו טאָן
און כאָטש מיט עפּעסוואָסן
אַרויסהעלפן דעם האָן.
און נאָך אסיפות שווערע,
מיטן אינדיק אויבנאָן,
האָט מען באַשטימט: אַ לערער
צו קריגן פאַרן האָן,

ער זאָל אַ טייל פון קרייען
נאָר אויסלערנען דעם האָן,
זיין מאַמען וועט דערפרייען
אַ מורמל אויך, אַ טאָן...
נו, האָט מען אַ קוקאַווקע
געבראַכט פון ערגעצווו
אויף אויסצולערנען, דווקא,
דאָס הענדל זאָגן, קו.

אַ ביסל האָט געדויערט,
נאָר ס׳העלפט אַז מען לייגט צו
דעם שנאָבל און דעם אויער.
און אויסגעלערנט קו
מען האָט דאָס הענדל זאָגן.
און אויפן עופות הויף
געוואָרן איז אַ חגא,
אַ גרויסער אויפגעלויף.

דאס הענדעלע קוקוקעט
אַזוי ווי אַ טרומייט
און אויפן הויף, צעהוקעט
האָט יעדער זיך פאַר פרייד.
און דענסטמאָל, אינעם נעפל
פון אויפגעבלויטן פרי,
מען האָט באַשטימט: אַ שנעפל
צו דינגען עס זאָל קי

דעם הענדל לערנען זאָגן,
אין קרייעכץ צי אין רייד,
די הון זאָל שוין פאַרמאָגן
אַ ביסל אויך שוין פרייד.
אַ שנעפעלע אַ קליינעם
מען האָט אַראָפּגעבראַכט
און זיי געלאָזט אינאיינעם.
ביז איינמאָל, אַ פאַרנאַכט

האָט זיך דער האָן צעשריען
קעקעקע, מיט געפיל.
מען דאַרף זיך נאָר באַמיען
דערגרייכט מען וואָס מען וויל.
צולעצט האָט מען אַ רענדל
באַצאָלט, אַ בושלעכע,
פאַר אויסלערנען דעם הענדל
צו זאָגן ריכטיק רע.

און ס'איז דער פּלאַן געלונגען.
מיט שמחה און מיט פרייד
האָט זיך דער האָן צעזונגען,
צעקלונגען און צעקרייט.
גאָר אויבן, אויפן פלאַנקען,
איז אונדזער האָן אַרויף
און אָנגעהויבן דאַנקען,
אָן אויפהערן, דעם הויף.

ער קרייט און קרייט אָן סופן
און מאַכט דאָס מויל ניט צו,
ער לאָזט דעם הויף ניט שלאָפן
און גיט אים ניט קיין רו...
און כ'האָב געהערט געוויינט ווי
מען רעדט שוין דאָרט מיט וויי:
אַז אָפטמאָל פאַר אַ טובה,
באַצאָלט מען מיט אַ קריי...

אַן אָדלער

עמיץ האָט געכאַפּט אַ יונגן
אָדלערל, אַ טאָג אַ פריען,
האָט ער פליגלען אים פאַרשאָרן,
אַז ניט קאָנען זאָל ער פליען
אוּן אין הויף צו זיך געבראַכט אים,
ער זאָל זיך אַצוגעווינען
צו די הענער און די הינער
און מיט זיי צוזאַמען ווינען.

אַלץ מסתם איז אַ רגילות,
אויך מיט הינער זיין אינאיינעם;
האָט דער אָדלער צוגעווינט זיך
צו די עופות זיינע שכנים.
זיך געלערנט זייער לשון,
זייער שפייז גענומען עסן
און זיין אַדלערישן ייחוס
שוין כמעט האָט ער פאַרגעסן.

נאָר די הינער, ניט פאַרגינער,
האָבן אים עס ניט פאַרגונען
און פאַר קינאה, צי פאַר שינאה,
פּיקן אים האט מען גענומען
יעדעס הינדל, יעדעס הענדל
האָט געלאָזן זיינס אַ סימן;
אַז געפּיקט האָט מען אַן אָדלער
האָט מען זיך געוואָלט באַרימען...

בייז געוואָרן איז דער אָדלער,
אויף אַן אמת בייז געוואָרן,
פאַרן יאָזש, דעם שאַרפן נאָדלער
האָט ער אויסגעדריקט זיין צאָרן:
וואַרט נאָר ער וועט גרעסער ווערן

ווערט ער הינער פאַרן פיקן
און פאַר זשאַלעווען אַ קערן,
אויף פּיצפּיצעלער צעפּליקן...

ער אַן אָדלער פון געבאָרן,
פון אַן אָפּשטאַם אַזאַ רייַכן;
פליגלען האָט מען אים פאַרשאָרן
מיינט אַ הון זי איז זיין גלייכן...

טוט אַ שטעכל אים דער נאָדלער
מיט אַן ענטפער: נאָר ניט פליקן!
אויב מיט הינער ווינט אַן אָדלער
מעגן אים די הינער פּיקן...

פּאַווע און אינדיק

גייט אַ פּאַווע אום אין הויף
און פאַררייַסט דעם עק אַרויף,
שטאָלץ מיט אירע פעדערן.
אויסגעפּוצט אין גרינס און בלויס
האַלט זי זיך אַזוי מין גרויס
און דערזעט ניט יעדערן...

גייט אַן אינדיק מיט איר מיט
מעסט יחסנ׳עסדיק די טריט,
בלאָזט זיין רויטן גוידער אָן,
שאָקלט גדלות׳דיק דעם קאָפּ:

טרעט אונדז אָפּ דעם וועג, טרעט אָפּ!
ס'גייט דער פּרינץ פֿאָן פּלווידערן

קוקן אַלע נאָך די צוויי
מיט אַ שמייכל און מיט וויי:
אויסגעפּוצטע טעקעלעך!
עקן גרויסע האָבן זיי
מיט קאָלירן אַלערליי;
אָבער קעפּ, צוויי ברעקעלעך...



רעדנער

אין אַ קראָם פון שטוב־בעלי־חיים
זיצן פייגל אַלערליי:
אַלע שווייגן אין די שטייגן
בלויז באַלטונעס, פייגל צוויי,

אַ וואָראָנע וועלכע קראַקעט
און אַ געלער פאַפּוגיי,
זיינען זיי מיט רייד מזכּה
אָן אַן אויפהער, שעהן דריי...

אָן אַ סוף און אָן אַן ענדע
פלוידערן די פּלוישער צוויי.
ביז אין מיטן פון דער גרענדע
פרעגט אַ טויב דעם סאָלאָוויי:

זאָג מיר ליבער, אין די שטייגן
זיצן קענערס עד בלי די,
אַלע זיצן זיי און שווייגן,
נאָר די ראָב און פאַפּוגיי

דאַרפן זיין עס די דרשנים?
כ׳בין פון זייער מויל שוין מיד,
ווייסן זיי ניט, די נאַראָנים
אַז דער שנאָבל דינט זיי ניט?

טוט דער סאָלאָוויי אַ טרילער
מיט אַן ענטפער צו דער טויב:
דאַרפסט ניט טייבלריידן שטילער,
אַלע פּלאַפּלערס זיינען טויב...

ווייל ווען רעדנער וואָלטן הערן
וואָס זיי דברן אַליין,
וואָלטן זיי זיך אויסגעלערנט
שווייגן ווי אַ פעלדזנשטיין.

דער נביא פון שקר

זיצט אַ קראָ, אַ שוואַרצע אויפן קוימען
זעט זי וואָלקנדלעך, אין שוימען,
שווימען אויפן הימל בלויען.
בערדלדיקע ביימעלעך פון פלוימען
איינגעוויקלט אין טליתים טרוימען,
ברוך הוא׳ען, ברוך שמו׳ען
און אַ ווייַסע תפילה זכה
הויבט פון סעדל אויף זיך טאַקע
צו דער זון, דער שויב דער געלער,
וועלכע גאָלדיקט אָפּ די וועלט אין קעלער.

פלוצעם ווי אַ בלויער הויכל
נעמט פון קוימען קרייזלען זיך אַ רויכל,
זעצט זיך אויפן קוימענס נאַקן
און נעמט הויבן זיך אַרויפצו צו די הויכן...

רויכן, רויכן,
נעמט דאָס ראָבל קראַקן:
רויך אַ מבול!
ס׳וויל די זון פאַרהויכן
קוימען, דער מחבל,

פייער וועט אַ שפריץ טאָן
פון זיין שוואַרצן קראַטער
אויפן טאָג צעבליצטן,
אויפן שניי, דעם שבט׳ער.

אויפן דאַך, דעם רויטן,
ווי אַ ביין אין ראָסל
שטייט ער, דער בעל חוטא,
גרייט זיך דער טרייף־פסול.

היט זיך שטיבלעך שטילע,
היט זיך דעבל גלאַטער,
ביימעלעך אין תפילה,

פייגעלעך אין פלאַטער.

ס׳גייט אַ רויך פון קוימען...
באַלד ווי אַ מגפה,

אָפּרוישלען די הימלען
ווער אַ גרויסע שרפה.

טוט אַ פּוף דער קוימען,
עפנט ליפּן שוואַרצע
און אַ פייער ענטפערט
טיף ביי אים אין האַרצן:

וואָס זשע שרייסטו ראָבל,
שוואַרצער פגר־פּיקער?
עפנסטו דיין שנאָבל
איז דערצייל דעם עיקר:

אין דער דייזשע פּראָסטער
וואַקסט דער טייג פון הייוון,
האָט די בעל הביתטע
איינגעהייצט דעם אויוון.

ניט נאָר אין די רוימען
קראַקעט אָפּט אַ מבין,
וואָס שרייט: רויכן שוימען
ווען מען הייצט אַן אויוון.

קראָ און וועווריק

אַן אַלטע שוואַרצע קראָ
האָט אין אַ פֿריער שעה
דערזען, — אויף הינטערשטע צוויי פֿיסלעך, —
אַ וועווריק זיצנדיק און קנאַקן ניסלעך.
"אויף דעם איז מיר פֿאַרדריסלעך
טאַקע!
האָט זיך די קראָ צעקראַקעט:
קנאַקן ניסלעך! אַ שפּייז
פֿאַר שטשורעס און פֿאַר מייז...
דו מייַן שכנה האָסט זיך געמעגט פֿאַרגינען טאָן אַ ביס
אַ שטייגער,
ווי אַ וואָרעם, צי אַ פּגר,
דאָס פֿאַרשטיי איך איז געשמאַק און זיס —
נאָר ניס?...
"געוויס געוויס!
האָט זיך דער וועווריק אָפּגערופֿן:
נאָר הער,
דערקלער
מיר קראָ!
ווי קומסטו וועגן ניס צו קראַקען
ווי באַלד דו קאָנסט זיי ניט צעקנאַקן!!...

ס'טרעפֿט אָפֿט אַז עמיץ וויל אַ זאַך פֿאַרשרייען
צוליב דעם אַליין, —
וואָס אים פֿעלן ציין
דעם מאכל צו צעקייען...

ווילנע 1938

גורל

אַ ווערווריקל א גרינגער,
אַ האָפּסערל, אַ שפּרינגער
געוווינט האָט אויף אַ בוים באַצווייט.
מיט אַ פייגעלע דערנעבן,
וואָס פּלעגט אין הימלען שוועבן
און בין השמשות זינגען שטילערהייט.

פלעגט אויף די צווייגן גרינע
דאָס ווערוריקל, מיט קינאה,
זיך צוהערן צום אָוונטליד.
און פון טשיקאַוועס־וועגן
איר אָנגעהויבן פרעגן:
פאַרוואָס איר ליד איז אַזוי אומעטיק?

זי האָט צוויי פליגלען גרינגע,
אַ שיינע שטים צום זינגען,
אַ נעסט געבעט מיט פעדערן און היי,
טאָ וואָס קאָן מען דערהערן
אין אירע לידער טרערן,
וואָס מאַטערט איר וואָס טוט איר וויי?

עס האָט אַן ענטפער שנעלן
דאָס פייגעלע, אין טרעלן,
דעם ווערוריקל געגעבן: אַז באַשערט
איז איר אַ מאָדנער לעבן,

אין הימלען אומצושוועבן
און נאָך אַ וואָרעם קריכן אויף דער ערד...

די שטריק

בערגער, זאָגט מען, קומען זיך ניט אויף.
נאָר אין צרפת דער מדינה,
אין אַ תּפיסה־הויף ניט לאַנג צוריק
זיך געטראָפן האָט אַ גיליאָטינע
מיט אַ תּליה־שטריק.
פאַרשטייט זיך,
אַז די גיליאָטינע האָט דערפרייט זיך:
— אָך און אַך!
עפּעס דאָך חברים פון איין פאַך!
דינען טריַי דער זעלבער זאַך,
און זיך קיין מאָל ניט געטראָפן...
שייַנענדיק פון גליק,
רעדט זי צו דער שטריק:
— כ׳שווער דיר,
איך פאַרער דיר.

— מערדער! —
צאַפּלט זיך די שטריק —
גזלן ווײסטער!
האַקט אָפּ קעפּ און בלוט פאַרגיסט ער,
דער אַזוינער און אַזאַ ווער,
האָט די חוצפּה מיר צו רופן חבר!

וווּנדערט זיך די גיליאָטינע:
— זאָג, עדינה,
וואָס זשע טוסטו אויף דער תּליה־וויג,
וואָס רוט ניט?
זאָגט די שטריק:
— איך פאַרגיס קיין בלוט ניט.
איך...דערשטיק...

אָן שום ספקות — זאָגט דער בעל המשל —
אָן שום ספקות.
ס׳דריקט אַ רויטע שטריק
און שטיקט,
און זי רופט זיך נאָך צדיקת...

דער רויטער האָן.

ס׳נעמט די זון זיך ווייזן,
ווי צעבליטער מאָן.
אויפן וואַנט פון אײַזן
קרייט אַ רויטער האָן;

קוקערעקו מיידן,
עופות נאָנט און ווייט,
קוקט אָן דעם גן עדן
פון דער צווייטער זייט!..

ווער וואָלט זיך עס גלויבן
ענטל, אינדיק, הון!
זעט ווי אַלע שויבן
שפיגלען זיך אין זון.

ווייצפעלדער געראָטן
וויגן זיך געדיכט.
ס׳איז באַ אונדז נאָך שאָטן,
דאָרטן איז שוין ליכט.

און די בינטלעך טרויבן,
זאַפטיק זיס און שיין.
וואָס איר ווילט ניט גלויבן?
כ׳זע עס דאָך אַליין!

טאָקע?, פרעגט ווער איבער
אַז ס׳איז אַזוי פיין,
וואָס שפרינגסטו ניט איבער
דאָרטן אויף צו זיין?

ס׳וועט דיין ליד און ניגון
קלינגען שענער דאָרט...

ס׳ווערט דער האָן אַנטשוויגן
ענטפערט ניט קיין וואָרט.

ווייל עס איז אַ סברה,
רעדט מען שטילערהייט:

דאָרטן אַ כפרה
ווערט אַ האָן, וואָס קרייט.

אַ וואולקאַן

אין דער פריִ, אין אַ טומאַן,
שטייט ביים ים־ברעג, אַ וואולקאַן;
אויף זיין קאַרק גרינט אַ גן־עדן
ביימער שטייען ווייִס־צעבליט,
נאָר אין זיינע אינגעווײדן
ברויזט אַ גיהנום, רויט־צעגליט.

גיי ווייס וואָס עס טוט זיך דאָרטן?
צו הייס איז, עס אויסגעפינען...
נאָר פון מויל זיינס, די באַיאָרטע,
טוט אַליין די זיסקייט רינען:

זעט נאָר ווי די וועלט איז שיין!
אַ צעגרינטע, אַ צעבליטע.
זעט ווי ס׳וויגן זיך, אין חן,
קאַרשן־סעדער איינגעהיטע.

גרין דער ים, דער הימל בלוי,
אַלץ איז רואיק און פאַרשידן,
קאָן דען ניט דער מענטש אַזוי
לעבן אויך און זיין צופרידן?

ניט פאַרגיסן בלוט און שטעט
ניט אַוועקלאָזן אין רויכן...

שווימט אַ וואָלקנדל אין הויכן
און צעוויינט זיך: שיין גערעדט!
דרשנט חבר׳שאַפט און אהבה
און פאַרגיסט אַ וועלט מיט לאַווע...

האַק און האַמער

אַ הענקערהאַק פאַרראָסט און טעמפּ
געבראַכט מען האָט אין שמידעריי.
צי איבערשמידן איר אויפסניי.
צי לייטערן אין פייערפינקל...

אַ שליידער האָט מען איר געטאָן אין ווינקל
וואַרטן אויף איר ריי.
עס פּאָכן בלאָז־זעק אין געוויי,
די האָרנע בלוטיקט אָפּ דעם קאַמער,
אַן אייזן, אין אַ צוואַנג פאַרקלאַמערט,
קלינגט און בעט זיך...
און ס'שלאָגט דער האַמער,
ממית'ט מכות רצח!

עס ציטערט אויף דער האַק דער זשאַווער...
חבר!
חנפעט זי דעם האַמער:
דערקאָנסט שוין ניט קיין ברודער
פון דערזעלבער רודע?

מיר זיינען דאָך צוזאַמען
אין איין פלאַסט געלעגן;
אַ וויפל יאָר זיינען אַוועק
פון יענע טעג?
נאָר ווידער
האָט די צייט אונדז צוזאַמענגעברענגט
ווידער!

נאָך איך בין מאַט און שוואַך
און דו אַ גיבור,
האָב גענאַד!
האַך!
שלאָגט אין מיטן איר דער האַמער איבער:
קאָן זיין אַז פון אָפּשטאַם ברידער,
אָבער פרעמד מאַכט אונדז די טאַט.

איך דין דעם שמידער
און דו דעם קאַט!

אַ צדיק אין פּעלץ

ווילן שאָף
ניט זיין קיין קרבן
אויפן וועלטישן מזבח.
ווילן מער ניט זיין קיין מאכל
פאַר אַ וואָלף און אַ רוצח.

שוין גענוג ט׳מען זיי געזאָטן
און אויף פייערן געבראָטן.
אויפגענומען זיך צוזאַם
האָבן לעמער־טויזנט צאָליק
און גענומען לערנען בלק
מיט די היענעס און די וועלף;

שוין גענוג, אָן קנס און שטראָף,
זיך געהאָדעוועט מיט שאָף!

העלף!
האָבן היענעס, אָן בזיון,
און די וועלף גענומען וואָיען:
שאָף פון לאָנקעס און פון שטאַלן
זיינען בידנע וועלף באַפאַלן
און זיי שלאָגן
און זיי שעבטן...
ראַטעוועט אונדז

פון אַ סוף
אַ שלעכטן,
גוואַלד!

וווינט אַ רויטער בער אין וואַלד.
ער דער שר פון דין און צדק,
איז צו רויב־חיות גענעדיק,
ווייל ער איז דאָך זייער האַר...
ווייל אַהינטער בוימער־שאָטנס
שלינגט ער אויבעט שאָף־געבראָטנס

און ער ווערט פון דעם ניט דאַר...

ער דער רויטער צדיק פאַוולע,
וועלכער לויזט די וועלט פון עוולות
און פאַרזעט זיי אין זיין פעל.

האָט גענומען
ברומען,
שרייען:
שוין ער גייט
די וועלף באַפרייען

פון די לעמער די גזלנים
פון די רוצחים און תלינים,
מאַכן ט'ער פון זיי אַ תל!

און ער שיקט שוין עולי־רגל
מיט געשאַרפטע ציין און נעגל,
און ער הענגט שוין אויף זיין דגל

רויט פון בלוט
פון בלוט דער וועלטס

און אין וועלדער, בייזע חיות,
אַפּלאָדירן מיט העוויות
אָט דעם צדיק
אינעם פעלץ...

אָקס און שוואַלב

קאָנטיק אויף דער וועלט ניט פיין איז
אַז מען קומט צוגיין מיט טענות...

האָט זיך אין אַ שטעלכל מיט אַ נידעריק געוועלבל
אַן אָקס צעטענה׳ט צו אַ שוועלבל
אַ שכנ׳טע באַם דאַך אין נעסט;
דו זעסט
זיך אָן אַזויפיל זאַכן אין דיין פלי,
און איך בין שטענדיק אָדער באַ מיין מי,
אָדער אין די ווענט פיר.
טאָ הער מיך אויסעט און פאַרענטפער!

סטייטש!
כ׳לעב ערלעך פון מיין שווייס און כוח
און יעדער שמיץ פון בייטש,
פון דעם רוצח,
נעם איך אָן פאַר ליב און זאָג נאָך אמן.
טאָ וואָס זשע קומט דאָס מיר, וואָס מיט מיין נאָמען
קרוינט דער עולם
יעדער וויסטן נאַר און גולם?!

און ס׳האָט די פליערן, די שוואַלב,
געענטפערט אָט דעם גרויסן קאַלב;
איר האָרעוועט און אַרבעט
און לעבט פון וואָס?
פון דעם וואָס אייער האַר באָט, —
שטרוי און גראָז.
אַוועקגעבנדיק אייער פלייש און פעל
דעם וואָס אייך שינדט, —
די בעל־הגופ׳ן.
טאָ האָט איר ניט פאַרדינט
מען זאָל אַ נאַר מיט אייער נאָמען רופן?!...

ווילנע 1937

פ ע ר ד

אויף אַ לאָנקע, אַ צעגרינט שטיק ערד,
האָבן זיך באַגעגנט שכנ׳ישע צוויי פערד.
ניט געזען זיך שוין אַזויפל יאָרן!
שטייט מען אין דעם זומערטאָג דעם קלאָרן
האַלדז פאַרלייגט אויף האַלדז.
און מען רעדט, מען שמועסט וועגן אַלץ...

״וואָס זשע הערט זיך עפּעס נייעס!?
פרעגט דאָס פערדל, וואָס איז ווייַס,
באַם ברוינעם;
״שוין געמעגט אַ פלאַם פאַרברענען
דעם אַזוינעם און אַזוינעם!..
״וועמען מיינסטו? פרעגט דער ווייַסער;
״וועמען? כ׳מיין דעם בייטש דעם שמייסער!
שינדט און שמייסט אַוואו ס׳געראָט אים,
לאָזט ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם
דער רוצח!...

״פערדיש מוח!
הירזשעט אין דער שטיל דער ווייַסער;
האָסט באַדאַרפט ווי איך טאָן מיטן פעלנרייסער...
וויפל טעג און וויפל וואָכן,
ווי כ׳האָב שוין דען פיינעם יונג צעבראָכן,
ניט געלאָזט פון אים קיין סימן.
ניט פון אים און ניט פון רימען!...

״טאַקע! גיט אַ שפרונג דער ברוינער;
איי וועל איך דיך רימען פאַר די שטאַל-באַוואוינער,
פאַר דער וועלט!
בינסט דאָך עפּעס גאָר אַ העלד!
לאָז איך מוז אַ קוש דיר געבן!...
אוי בין איך מקנא איצט דיין לעבן!
שלעפּסט פאַוואָליע זיך אין שפּאַן, אַ בעל הבית...
ווילסטו כאַפּסטו פון דער ערד אַ ביסל גראָז, —

אָדער היי אַ ביס פון יענעמס וואָגן.
קיינער כאַפּט זיך ניט דיך שלאָגן
יאָגן
אין גאַלאָפּ!

ס׳שאָקלט מיטן קאָפּ
דער ווײַסער פערד אַרויף אָראָפּ.
צי ער זאָגט עס יאָ, צי טרייבט ער פליגן אָפּ...
פלוצעם ווערט דער ברוינער שטום,
ער דערזעט עפּעס בײַם ווייסן אויפן רוקן.
פלעקן ניט פון בייטש און ניט פון מוקן..

סטייטש!?
פרעגט ער; אַז צעבראָכן האָסט די בייטש
דעם שמייסער,
טאָ פּאַרטייטש!
אויפן רוקן האָסטו וועלכע פלעקן?

וועלכע?!
ענטפערט אָפּ דער ווײַסער;
ניט פון בייטש
פון שטעקן!..

איז דער טייטש;
מיט סימנים פון אַ שטעקן
שריי ניט אויף אַ בייטש!..

פּאַריז 1948

##ביימער

נו, ווי, געפעלן אײַך די ביימער מיט די ווײַסע שטאַמען?
עס פּאַסט זיי ניט צו וואַקסן מיט אַ יאָדלעבוים צוזאַמען!
אַ וועלדעלע בעריאָזעס האָט זיך אָנגעהויבן וויגן:
ווי קומט אַ פעך־און־סמאָלע־בוים אין זייער וואַלד דעם היגן?

איי, ס'האָט אַ שטורעם אים פאַרזייט, די ערד האָט אים געבאָרן,
וואָס גייט עס די בעריאָזעס אָן, זיי פלאַקערן פון צאָרן:
אַוועק זאָל ער פון זייער מיט צו אַל די שוואַרצע יאָרן!

וואָס זאָל אַ יאָדלע ענטפערן דער הילצערנער אַסיפה?

אַרויסרייַסן זאָל זי פון דר׳ערד די וואָרצלען אירע טיפע?
אַז ס׳שייַנט די זון פאַר אַלעמען, און ס׳וואַשן יעדן שלאַקסן,
איז וואַרפט זי שישקעס פעביקע און זאָל אַ נאָכוווקס וואַקסן.

נאָר די בעריאָזקעס שילטן זיי אין זייער טאַטע־מאַמען:
אַ שטורעם זאָל זיי אויסרייַסן! אַ בליץ זאָל זיי פאַרפלאַמען

און ס׳האָט אַ כמאַרע אין דער הויך מסתּם דערהערט די קללה —
אַ בליץ געטראָפן האָט דעם בוים, די יאָדלע פעך און סמאָלע,
און ס׳האָט אַ שׂרפה פייַערפלאַם דעם בוים אַרומגענומען,
און האָט פאַרברענט דעם יאָדלעבוים — און גאָר דעם וואַלד אַרום אים...

*

איז וואָס זשע נאָך פאַרטייַטשן אייַך
מייַן נמשל אָט דעם האַרבן? —
אין פייער ברענען אַלע גלייַך,
אָן אונטערשייד פון פאַרבן.

בוריק און קעז

אָקאָרשט פון פרעס,
אַ האָלענדער קעז
גראָב־בייכיק און רויט־צורה׳דיק,
האָט חנ׳דלען זיך גענומען צו אַ בוריק;
— ״ווילסט גלויבן,
וואָס כ׳וועל זיך דערלויבן
טאָן אַ זאָג?!
ס׳איז קלאָר, ווי טאָג,
אַז ביידע זיינען מיר פון זעלבן גלויבן!...
אַ סימן האָסטו דאָ מיין הויט,
וואָס איז ווי דיינע רויט!...
איי דאָס וואָס כ׳בין אַ האָרעלע געפּאַקטער
בין איך ניט שולדיק, — ס׳איז באַ מיר אַזאַ כאַראַקטער!
דאָס בוריקל אַ פשוט׳ער בורלאַקל
האָט אים געענטפערט פּראָסט;
בסך הכל
קעז, איז דיין גאַנצע רויט
די הויט.
און דאָס וואָס דו רופסט זיך חבר —
דאַרף מען נאָר אויסטאָן דיר דיין רויטן פראַקל
דערשפּירט מען גלייך דיין אויר!...

סאַמאָוואַר און טשייניק

אַ טשייניקל אַ האַר,
וואָס זיצט פון תמיד
אויפן קאַרק באַם סאַמאָוואַר
און צאַפּט...
האָט זיך אַן אינדערפרי אַרויסגעבאַפּט
צו דעם צוקאָכטן סאַמאָוואַר מיט אַ ירגזון;
רק דו וויקלסט זיך אין פאַרע קנוילן
און חבר׳סט זיך מיט רויטע קוילן,
וואָס צעבלאָזן
אין דיין האַרץ, ווי אין אַ שייער,
אַ בלוטיק רויטן הייסן פייער.
זאָג! קעגן ווען און פאַרוואָס
דו האָדעוועסט אין פייער דיין פאַרדראָס?
דער סאַמאָוואַר
אַ גבר
פון מעש געגאָסן,
האָט אָפּגעענטפערט מיט דעם לשון;
פאַר דיר געטרייער
האָדעווע איך פייער!
ווייל פאַר אַ האַר,
וואָס צאַפּט און טרעט די פּלייצע —
מיט זיינע בלעך געשמידטע זוילן.
איז דאָ איין עצה...
קוילן!...

ווילנע 1934

שוועבעלעך

די שוועבעלעך,
די רויטע רבילעך
מיט שוואַרצע שנעבעלעך,
וואָס מאַכן בורא ומאורי
איז זייער תורה;
וואָס מאַכן בורא ומאורי
אין יענעמס שייַערן.
איז ניט קיין מעשה נורא!?

האָבן פּלוצעם
אינעם פריען
מיט תירוצים
זיך צעשריען
און זלזולים,
אַז די ברענענדיקע קוילן
מאַכן אָן אויף זיי בלבולים.

זיי, וואָס צינדן אָן בלויז לייַכטער,
טריקענען די פעלדער פּייַכטע,
ליולקעס טאַבאַק, ציגאַרעטן;
זיי, וואָס צינדן אָן די לאָמפּן
אין דעם חושך אינעם שפּעטן;
זיי, — זיי מאַכן עס די שרפות
אין די קעלערס און אויף שטיגן?
ליגן! ליגן!
אויסגעטראַכט פון מכשפות.

זיי, די ליכט־ברענגערס, די רויטע
זייַנען גאָר צו לעשן גרייטע.
זאָל מען זיך צוזאַמענעמען:
קנויט און קרעמען,
טינט און בלייַער
און פאַרלעשן יעדן פייַער!

יאָרן שוין, ווי ס׳לעשן לעשער,
און דער פײַער ווערט אַלץ גרעסער.
ווײַל — ווען ס׳לעשן אונטערצינדער,
ברענען מאַמעס און עס שטאַרבן קינדער.

הינט

עס זיינען אין אַ פּראָסטן וואָכעדיקן מאָנטיק,
אַ באַנדע הינט. באַפאַלן לעם אַ פּריצישן מאַיאָנטעק,
אַ דורכגייער, אַ פרידלעכן, אַ שטילן.
באַפאַלן מיט אַ האַווקעריי, אַ בילן,
מיט די ציין...
עס מוסר׳ט זיי דער דורכגייער; ניט שיין!
און זיי, זיי בייסן אים,
זיי רייסן אים,
זיי יאָגן!
עס מוסר׳ט שוין דער גייער ניט, ער שרייט!...
און קוים מיט קלאָגן
האָט אים געראַטעוועט אַ פּויער פון ניט ווייט.
עס גיסט זיך בלוט און רינט.
אָ נייין ער מוז זיי אָנלערנען די הינט —
ער וועט זיי גיין פאַרמסר׳ן, פאַרקלאָגן!...
„פאַר וועמען?"
קנייטשט דער פּויער מיט די ברעמען;...
„ס׳הייסט פאַר וועמען?!
פאַרן פּריץ פון מאַיאָנטעק!
„קאָנטיק
אַז ביסט ניט פון דאַנען
רעדט דער פּויער שמייכלענדיקערהייט;
ווייל ניט וואָלסטו פאַרשטאַנען, —
אַ בעל־הבית, אַ גוטער האָט פאַר הינט אַ קייט!
און אויב באַם היגן פּריץ הוליען כלבים,
ווי אין פעלד דער ווינט,
איז ער אַליין מסתם ניט בעסער,
פון די הינט!...

פוילן 1939

אַ חבר

ליים דער וועג און שווער דער וואָגן
און דער פערד, שוין פון פאַרטאָג אָן,
שלעפּט די משא שפּאַן נאָך שפּאַן.

אויף דער קעלניע זיצט איוואַן,
הויבט די בייטש און ציט די לייצעס,
און דעם און ער העלפט מיט עצות:

גיכער פוילער, מח גראָבער!
מיינסט פאַר מיצוות קריגט מען האָבער?
שלעפּן דאַרף מען זיך ניט פוילן,
ווייַל אַניט, וועט אויפן הוילך,
לערנען שכל דיך די בייטש...

און די בייטש נעמט לערנען טייטש:
נאָ איז שלעפּן, וויאָ איז שנעל!
פאָלגסט ניט, איז איבערן פעל,
איבער לייב און רוקן, כעסן!

נאָר עס העלפט שוין ניט דער שמייסן,
שוואַך איז שוין דער פערד און מיד
און די פיס זיי פאָלגן ניט.
שטייט ער נאַס, ווי אויסגעצוואָגן,
נעם, כאָטש שפּאַן אים אויס פון וואָגן...

נעמט איוואַן ביי אים זיך בעטן:
ריידן זיסע רייד, אים גלעטן,
נאָך אַ ביסל, זיי ניט פויל!
נאָך אַ הונדערט שפּאַנען בלויז
זעט מען שוין דאָס איינפאָרהויז.

וועט מען נעמען וואָס אין מויל
און עס וועט זיך שפּאַנען זשוואַווער.
נו מיין גוטער פריינד, מיין חבר,
ס'וואַרט אויף דיר אין אָוונט גראָז...

נאָר דער פערד, אין שווייס און גאַווער,
טוט אַ פאָרשקע מיטן נאָז;

ווי קאָנסטו מיר זיין אַ חבר,
אַז דו ביסט מיין בעל־הבית?

אַלע פערד, וואָס שלעפּן משא׳ס,
פרעגן מיר די זעלבע קשיות.

שוואַרץ און ווייס

צו דעם ווייסן שניי, דעם דומם,
האָט אַ ווינטעלע געבראַכט,
שוואַרצע סאַזשע פון אַ קוימען,
קאָפּעטש פינצטער ווי די נאַכט
און געגומען האָט ערביידן,
ביידן באַלד אַ שידוך ריידן:

סאַראַ פיינע פּאָר זיי זיינען,
ווי פאַרשידן און זיי פּאַסטן...
ניט אומזיסט האַלט מען אין טענה׳ן,
אַז עס ליבן זיך קאָנטראַסטן,

— וואָס זשע דאַרף מען לענגער וואַרטן —
טאָג און נאַכט איז אויך אַ פּאָר!
אַז מען טרעפט אָן דעם געגאַרטן
זאָל עס זיין אויף לאַנגע יאָר!

ט׳מען אַ חתונה געפּראַוועט
אויפן ליכטיק ווייַסן פעלד.
אַלע מילכיקע פּאַטראַוועס
דאָרטן האָט מען אויסגעשטעלט:

קעז און צוואָרעך און סמעטאַנקע,
בלינצעס, מילך און ווייַסן ווייַן
און אַוועק איז אַ הולאַנקע
ביזן העלן טאָג אַריין.

ס׳האָט צעטאַנצט זיך חתן־כלה
און דער ווינט האָט צוגעפּאָכט...
נאָר אויף מאָרגן האָבן אַלע
געסט דערזען די גרויסע בראָך:

שוואַרץ געוואָרן איז דער חתן
און די כלה גרוי און גראָ,
ביידן האָט די זאַך פאַרדראָסן
נאָר קיין תרופה איז ניטאָ.

קאָנטיק שוין אַז אין געבאָרן
ליגט דער שכל און דער זין:

אַז זיך ליבן און זיך פּאָרן
דאַרף זיך יעדער מיט זיין מין.

פליערס

אין אַ שטורעם, אין אַ ווירבלדיק געדריי,
האָט פון רינשטאָקן, פון שטויבן
אויפגעהויבן זיך אַ שטרוי.

מיטן ווינט גענומען פליען
און פון הויך אַראָפגעשריען,
מיט געשפּעט,
צו די פייגל אין די שפּאַלטן:

זעט!
ווי מען האָט זיך עס באַהאַלטן
און פאַרקראָכן
הינטער שטיינער, צווישן מאָכן,
אונטער צווייגן...

קוקט די זינגערס אָן וואָס שווייגן...
האַ!
ס'שמעקט אייך ניט אַ ווינט אַזאַ,
אַ זאַווייי
וואו ווי פייגל פליען שטרוי?

פליערס!
ווי מען פלעגט עס פריער
קרייזן,
נאָר מיט פליטערלעך זיך שפּייזן,
זינגען לויב דער זונענשייַן...

אָבער איצט
ווען ס'בליצט,
ווען ס'דונערט און עס בלישטשעט?

ס'וועט אַריבער, האָט אַ פויגל זיך צעפּישטשעט:
נאָכן שטורעם וועט מען ווידער
קרייזן איבער טורעמס, זינגען לידער,
אויפן פעלד און אויף דער לאָנקע,
רו, אַ גרין שטיק...

אָבער דו, אַ שטרוי,
וועסט ווידער פוילן אין אַ רינשטאָק.

רויך און פּאַרע

אַ גרויער רויך,
אַנטלויפנדיק פון קוימען,
האָט אָנגעטראָפן, אין דער הויך,
אַ ווייסן וואָלקנדל אין שוימען.

און ווי עס טרעפט
ביי וואַנדערערס אין פרעמד,
אויף אומבאַקאַנטע וועגן;
ט׳מען זיך באַקענט,
געגעבן הענט
און אָנגעהויבן זיך צו פרעגן:

ווהין? זיי מוחל!
פרעגט דאָס וואָלקנדל דעם רויכל:
פון וואַן דיין דראַפּען זיך אַרויף,
דיין קריכן?

שוין נימאס מיר געוואָרן
זיינען פייערן און קיכן,
די גרויסע שמעלצאויוונס געוויסע,
די ציגלדיקע צוימען...

זיך קוים אַרויסגעכאַפּט פון תפיסה
דורכן קוימען:
אַרויפצו קריך איך, צום אומענדלעך,
כ׳וועל שטערן אָנקלייבן ווי רענדלעך
און פלאַטערן און וואַנדערן,
זיך חברן מיט ווינט־
פון איין אָרט אויפן אַנדערן,
כ׳האָב מיינס שוין אָפּגעדינט.
כ׳וויל ווילטאָג שוין און רו.

און דו
ווהין שוועבסטו?
פרעגט ביי דעם וואָלקנדל דאָס רויכל:

די הויכן מוחל!
זאָגט דער וואָלקן:
גענוג געוואַנדערט און געוואָגלט
מיט שניי געשוואַנגערט און מיט האָגל

איך בענק צו דרעדר,
צו שוואַרצע גרונטן,
צום פעלד דעם זאַטן און באַזונטן.

כ׳וויל אויסגיסן מיין האַרץ אין רעגן
און פאַלן פאַלן אויף דער ערד,
אויף אַלץ וואַס ס׳שפרייט
זיך אויס אַנטקעגן,
אויף אַלץ וואָס וואַרט און וואָר׳ט און ווערט.

כ׳וועל זיך באַהעפטן און פאַראייגנען
מיט הייסע זאַמדן און געשטיינען
און וועל באַגראָזן באַרג און פלאַך...

איז גיי
פאַרשטיי
אַן
אַלטע
שפּראַך:

אַ וואָלקנדל וואָס פאַלט אַראָפּ
פון הויכן ביזן לעצטן טראָפּ,
אויף זאַמדן און אויף שטיינער הוילע
איז אַן ״עולה״.

און אַ רויך
וואָס קריכט צום הויך,
אַ ניט צופרידענער
אַ מורד,

איז אַ
״יורד״.

אַ סוכה׳לע

שטייט אַ סוכה׳לע מיט סכך
צוגעדעקט, לעם איר אַ דאַך,
פון דער שטוב דערנעבן, לאַכט:
כאַ, כאַ, כאַ, אויף דעבער־שפּראַך;

קוקט נאָר אָן דעם האַר פון דעבלעך!
פול מיט שפּאַלטן און מיט לעבלעך...
רעגנס רינען דאָרט אַריין
און אַפילו שטערנשייַן
קוקט אַריין אין אַלע שפּאַלטן;
מאָרגן וועט עס אַ צעפּאַל טאָן.
כאַ, כאַ, כאַ, און כאַ כאַ כאַ,
אַ קליין דעבעלע אַזאַ.

שטייט די סוכה שטיל און שאַ
און די נאָדלצווייגן
שווייגן.

קאָן מען דען אַ דאַך דערקלערן,
אַז אַ סוכה ט׳מען געמאַכט
און עס צוגעדעקט מיט סכך
נאָר כדי צו זען די שטערן...

קאָלירן

ס׳האָט געפרעגט אַמאָל אַ פויער
ביי אַ נע־ונדן גרייז:
וואָס די שלייפן ביי זיין אויער
זיינען שוין ווי זילבער ווייס,

און די ברעמען אויף זיין שטערן
במורען זיך ווי שוואַרצע שניר,
ווי זשע קומט עס וואָס זיי זיינען
ניט פון זעלביקן קאָליר?

און געענטפערט האָט דעם פויער,
שמייכלענדיק, דער קלוגער גרייז:
ווייל דער ערשטער הערט דער אויער.
פונעם ווינטערקום דעם שפרייז

מיט די קעלטן און זאַווייעס
מיט די שנייען און דעם אייז...
פאַרדערפאַר ווערן די פאות
פריער פאַר די ברעמען ווייס.

ווען די ברעמען איבער אויגן
זען נאָר דעם האַרבסט פאַרגיי,
ביימער ווי די רעגנבויגנס
מיט קאָלירן אַלערליי,

וועלכע ברענען פאַרן שטאַרבן
אָנגעטאָן אין צער און ציר...

פאַרדערפאַר זיינען די פאַרבן
ניט פון זעלביקן קאָליר...

שרעק

ערב שטורעם,
גרויע כמאַרעס
קריכן שווערע
בייטן מראה׳ס
און אַ ווינט,
ער קייקלט שטויבן,
יאָגט אום בלעטער
שטרוי און דרויבן...
בייגט אייןביימער
אין געוויי.

בלענד, אַ בליץ
צעשפּאַלט דעם הימל
אין זיגזאַגן אַלערליי.
טראַך אַ דונער
וועקט פון דרימל
אויף די הייזער
אויפן שליאַך.

ציטערן פון שרעק
די שויבן,
טרייסלט זיך מיט זיי
דער דאַך...

וואונדערט זיך
דער טורעם אויבן
און עס חידושט זיך
זיין שפּיץ:
וואָס איז עס
אַזאַ מין וויץ,
צי אַ חוזק, אַ משונ׳ער?

פלאַם און פייער
צינדט דער בליץ
און מען שרעקט זיך
פאַרן דונער.

אַ פידל

וויינט אַ פידל, אַ געוויין,
וואָס ניט יעדער קאָן פאַרשטיין:
אויסגעקליבן האָט איר ווער, אַ פּאָרל,
דאַר און דין, אַ סמיקל, אַ שוואַרציאָרל...

איז נאָך וויניק איר דאָס גרויסע גליק...
רייַט ער נאָך אויף איר, אַהין און קריק!

שווייגט דער סמיק,
וואָס זאָל ער זאָגן?

העלפן דען וועט שרייען
און זיך קלאָגן,
אַז ער ווייסט:
רייטן מוז ער ווייל מען שטופּט אים
און מען הייסט...

איי, דאָס פידל כליפּעט
און זי וויינט.
האָט ער זיך צו דעם
שוין צוגעוויינט.

נערוון האָט זי אָנגעצויגענע ווי שטריק,
אָט אָ וויינט זי, אָט צעזינגט זי זיך פאַר גליק

און דער עולם רופט עס אָן
מוזיק...



רב פלאָקן

טרעפט, אַז פלעקענער פאַרגעסן,
אין אַ וועמעס זכות זיי עסן.

ווי עס ווערט די נאַכט נאָר בלאַסער,
טראָגט שוין וואַסער־טרעגער ניסל
אויף זייַן קאַרק די קאַראָמיסל
און אויף דעם — צוויי עמערס וואַסער
פונעם ברונעם, וואָס אַנטקעגן —
עמערס פולע ביז די ברעגן.

גייט ער ניסל,
ברומט אַ זמר,
פאַר אַ גוטן טאָג אַ סגולה,
און די קאַראָמיסל
סקריפּעט אויף די עמערס,
אויף די פולע:

אָנגעהאָנגען זיך אויף זייַטן,
און זיי וויגן זיך און רייַטן.
עזות־פּנימער!
פרעגט בחרם,
וואָס זיי זייַנען מיר —
ניט קיין פרייַנד, ניט קיין חברים.
און ער טאַסקעט זיי און שלעפּט
אויף די גאַניקעס און טרעפּ,
דער צדיק...
ניסל! —
עצהט אים די קאַראָמיסל —
טו אַ שלייַדער זיי צו אַל די קאַדיק!
— וועמען? —
הערט דער זקן
אויף זייַן זמר —
וועמען? —
ווען ניט עמער,
ווער וואָלט דיר, רב פלאָקן,
אויף די פּלייצעס נעמען?

האַקט אַ טשייניק

האַקט אַ האַמער אַ טשייַניק —
ניט פון תענוג
נאָר פון פליכטן
דאַרף מען עפּעס וואָס פאַרריכטן?
טאָפּט ער,
קלאַפּט ער
קלאַפּט ער
זייַנס אָפּ גיך
און ער גייט אַוועק פון קיך.

קומט דער בעל־הבית רב מאָנע,
שפּילט אין בויך אים אַ סימפאָניע
עפּעס אייגנס, עפּעס זייַניקס.
נעמט ער זיך אין דבקות וויגן,
מורמלט, ברומט צו זיך אַ ניגון
און ער האַקט
צום טאַקט
אַ טשייַניק.

רעדט דאָס טשייַניקל צו זיך,
אַזש עס הערט די גאַנצע קיך:
ַמילא, האַקט אין מיר אַ האַמער, —
מאַכט ער גאַנץ אין מיר אַ קלאַמער.
אָבער, אַז עס האַקט אַ חמור
מייַנע בלעכן,
ווייס ער ניט, אַז ס'איז צום ברעכן?

רעדנערס, דיכטערס, פּייַניקערס,
הערט אויף האַקן טשייַניקעס...

נאָטקע קאַלעקאַטקע

נאָטקע קאַלעקאָטקע
איז אַ בחורל, אַ שרייער,
ער שרייט און רעדט
פון פרי ביז שפעט
פאַר וואַסער און פאַר פייער.

ער רעדט אַ סך
פון יעדער זאַך
פון גהינום און גן עדן
פון הייס און קאַלטס
פון נייס און אַלטס,
אַבי נאָר עפּעס ריידן...

ער מיינט ער איז
אַ גבר, אַ ריז
אַ ווייסער און אַ קענער
פון וואָס מען רעדט
און וואָס ס׳געשעט
ווייס ער אַלץ בעסער שענער...

צי ס׳איז מוזיק,
צי פּאָליטיק,
צי ווייטקייט אין די ספערן;
ער קאָן עס גוט
אין איין מינוט
פאַר אייך דערקלערן גערן.

און וואָס ער זאָגט
איז אָפּגעטאָקט,
ער קאָן פאַר אייך זיך שווערן!
נאָר וואָס ער רעדט
פון פרי ביז שפעט,
ניטאָ איז וואָס צו הערן...

Acknoweledged with thanks
the Financial Assitance
From the:
Muliculturalism Programme
of the Department of the Secretary
of State.
Government of
Canada.

My heartiest thanks
MISS KRYSTYNA HNATIEW

■

איך דאנק דעם קאנקדער
יידישן קאָנגרעס
(טאָראָנטער אָפטיילונג)
פאר זייער מאָראלישער
הילף אין ארויסגעבן
דאָס בוך

דער מחבר